# וואָס מיר האָבן און וואָס אונז פעלט

1· מיר זיינען שוין ב"ה אַריבערגעוואַקסן יענע מדרגה׳ ווען שרייבן וועגן יידיש האָט געהייסן: אויפווייזן׳ אַז יידיש איז אויך א שפּראַך· אויך האָט שוין גענומען א סוף צו יענע דיסקוסיעס העברעאיש — יידיש׳ וואו מען האָט זיך געחקירהעט וועגן דער «נאַציאָנאַלער שפּראַך»׳ ניט דורכ־קומענדיג אַפריער צווישן זיך׳ וואָס דאָס איז אַזוינס· די אַלע דיסקוסיעס און פּאָלעמיקעס זיינען געווען אַן עטאַפּ אויפן וועג צו אונזער נאַציאָנאַלער עמאַנסיפּאַציע; די יידישע פאָלקסמאַסע האָט געמוזט איבערקומען די זעלביגע מאָזלען און פּאָקן׳ וואָס אַלע אויפוואַכנדיגע פעלקער· אָבער אויף אַלץ איז א צייט; און דאָס וואָס מיר זיינען שוין פּטור געוואָרן פון דעם פּאַפּירענעם «שפּראַכנקאַמף»׳ איז א סימן׳ ווי ווייט מיר האַלטן שוין·

היינט האָבן מיר שוין פאַר זיך פּאָזיטיווע אויפגאַבעס: ניט זאָגן׳ אַז יידיש איז די (אָדער «א») נאַציאָנאַלע שפּראַך׳ נאָר בויען די יידישע שול און די יידישע ליטעראַטור; ניט ברענגען ראיות׳ אַז יידיש איז אויך א שפּראַך מיט אַלע שפּראַכן צוגלייך׳ נאָר אויספאָרשן׳ וואָס פאַר א שפּראַך מיר האָבן׳ אין וואָס עס שטעקן אירע באַזונדערקייטן׳ ווי אַזוי זי איז אויסגעוואַקסן און ווי אַזוי זי אַנטוויקלט זיך איצטער·

די ביידע אויפגאַבעס גייען דערווייַלע האַנט אין האַנט· וואָס מער עס וואַקסט די יידישע שול׳ אַלץ גרעסער ווערט איר באַדערפעניש אין א וויסנשאַפטליכער אויספאָרשונג פון יידיש; און דאָס רוב מענטשן׳ וואָס אינטערעסירן זיך ביי היינטיגן טאָג מיט יידישער פילאָלאָגיע׳ זיינען אָדער לערער׳ אָדער אַנדערע טוער׳ וואָס אַרבעטן אַרום דער שול· דאָס באַ־גרעניצט דערווייַלע דעם פאַרנעם פון אונזער וויסנשאַפט׳ אָבער ס'איז א געזונטע ערשיינונג׳ וואָרים דאָס איז אַן אָנצוהערעניש׳ אַז די וויסנשאַפט אַנטוויקלט זיך אָרגאַניש· מעג מען האָפן׳ אַז מיר וועלן זוכה זיין צו

דערלעבן א צײַט, ווען די יידישע שפּראַך־וויסנשאַפט און ליטעראַטור־וויסנשאַפט וועט ווערן אַן ענין פאַר א היכשול און פאַר א זעלבשטענדיגן צענטראַלן פאָרש־אינסטיטוט.[1])

א היפש ביסל איז שוין אויפגעטון געוואָרן ביז איצט, נאָר ס׳איז צעוואָרפן איבער ביכער, וואָס זײַנען אַרויס אין אַלע עקן וועלט, איבער זאַמלביכער און זשורנאַלן; איז ניט אַזוי גרינג זיך צו אָריענטירן. נאָך מער איז געבליבן צו טון: פאַראַן פראַגעס, וואו מען קאָן אָנקומען צו הילפסביכער אויף אַנדערע שפּראַכן, פאַראַן ווידער פּראָבלעמען, וואו מען קאָן זיך גאָר קיין עצה ניט געבן. אָט דאָס איז דער באַשיידענער צוועק פון דעם אַרטיקל: אָנווײַזן, ווי אַזוי מען זאָל זיך באַקאָנען מיט די פאַרשיידענע געביטן פון דער «יידישיסטיק».[2])

## א

### אַלגעמיינס. — יידישע שפּראַכן

2. וואָס וויל די פילאָלאָגיע?

זי וויל אויספאָרשן אַלע אַנטפלעקונגען פון דער פאָלקס־נשמה, וואָס נעמען אָן א שפּראַכיגע פאָרם. דאָס איז קודם־כל די שפּראַך גופא, וואָס אין אירע קלאַנגען, אין אירע פאָרמען, אין איר זאַץ־געבײַ שפּיגלט זיך שוין אָפּטמאָל אָפּ דער אייגענער נוסח פון דעם פאָלק. ווײַטער די ליטעראַטור, די אַלטע און די נײַע, און ענדליך אַלצדינג, וואָס טראָגט אויף זיך ניט קיין ליטעראַרישן חותם און גייט אום אונטערן נאָמען «פאָלקסשאַפונג» (הגם עמיצער א יחיד מוז דאָך דאָס האָבן געשאַפן, מערניט ער איז געבליבן אַנאָנים): פאָלקסלידער, שפּריכווערטער, מעשהלעך, רעטענישן אד״ג.

די אַלע געביטן וועלן מיר באַטראַכטן אין דעם אַרטיקל.

קיין בוך, וואָס זאָל געבן א השגה וועגן די אַלגעמיינע אויפגאַבעס פון דער שפּראַכוויסנשאַפט, האָבן מיר נאָך ניט. אויף אייראָפּעאישע לשונות

[1]) אייגנטליך וואָלט מען געדאַרפט זאָגן אויף יידיש ניט «פאָרשן», נאָר «פאָרשטן»; דאָס איז כמעט אין אונזער גאַנצער עלטערער ליטעראַטור דאָס שטענדיגע טײַטש־וואָרט פאַר «דרש»; «פאָרשן» אָהן א ט באַגעגנט זיך זעלטן. נאָר איך ניץ ביידע פאָרמען גלײַך. וואָס טוט מען ניט פון שלום־בית וועגן.

[2]) דאָס וואָרט שטאַמט פון ז. רייזענען. ס׳גרילצט א ביסל אין אויער. אָבער צוריקגערעדט, אויב מען זאָגט מיט אַזאַ חשק: סלאַוויסטיק, גערמאַניסטיק, פאַרוואָס זאָל ניט טויגן «יידישיסטיק»? יעמאָלט וועט דאָס וואָרט «יידישיסט» אָנווערן זײַן משונהדיגן פשט: «אָנהענגער (!) פון יידיש», און ס׳וועט באַטײַטן: פאָרשער פון דער יידישער שפּראַך.

איז פאַראַן אָהן א שיעור אַזעלכע אַרײַנפירן; ווער ס׳האָט א מיגליכקייט צו באַקומען די ביכער, קאָן לייענען R. Meringer, Aus dem Leben der Sprache (Berlin) אָדער H. Örtel, Lectures on the study of language (New-York). אָבער אַפילו ווען מען זאָל אַזאַ בוך איבערזעצן אויף יידיש, וועט עס ניט אינגאַנצן פאַרבײַטן אַן אייגן ווערק: וואָרים אַזאַ מין אַרײַנפיר דאַרף זײַן אויפגעבויט אויף בײַשפילן פון דער אייגענער שפראַך, שטיצן זיך אויף אייגענע פאָרמען און ווענדונגען.

פעלן פעלט אונז אויך א בוך, אָדער כאָטש א ביכל, וועגן פ א נ ע ט י ק. פאָנעטיק איז די לערע וועגן די קלאַנגען, און איידער מען גייט אײַנהערן זיך און באַשרײַבן די קלאַנגען פונם אייגענעם לשון, דאַרף מען וויסן, ווי אַזוי קומען בכלל אויף די קלאַנגען, וואָס איז דער חילוק פון אַרטיקו־לירטע ביז ניטאַרטיקולירטע קלאַנגען, ווי אַזוי זיינען געבויט די מענטש־ליכע רייד־אָרגאַנען, צו וואָסערע גענג און אינסטרומענטן ס׳קומט אָן די הײַנטיגע עקספערימענטאַלע פאָנעטיק. די פאָר זײַטלעך, וואָס עס גיט וועגן דעם אגב־אורחא זלמן רייזען I (ז׳ 37—47), קלעקן ניט, און דער עיקר, זיי זײַנען ניט גענוג קלאָר, ווײַל ס׳פעלן געמעלן. ס׳לוינט צו לייענען דעם פאָנעטישן טייל אין זשיטאָמירסקי־האָכבערגס «מעטאָדישע אָנווייזונגען צו דער נײַער שול» (ווילנע, ב. אַ. קלעצקין); נאָר א ספעציעל בוך וועגן דעם איז אומבאַדינגט נייטיג, און דאָס וואָלט מען גראָד געקאָנט איבערזעצן. פאַר די, וואָס לייענען פרעמדע שפראַכן, איז כדאַי אָנצעווײַזן: R. W. Schulte, Abriss der Lautwissenschaft, Verlag O. R. Reisland, Leipzig, א קליין ביכל פון 47 זייטן; Jespersen, Elementarbuch der Phonetik, B. G. Teubner, Leipzig.

3. די צוויי טעמעס: אַלגעמיינע שפראַכוויסנשאַפט און פאָנעטיק, זיינען אָבער שוין גיכער פאַר אַזוינע, וואָס שפירן שוין א צובונד צום עצם־ענין פון שפראַכפאָרשונג; פאַרן אָנהייבער וועט זײַן צו האַרב אַפילו דאָס גרינגסטע ביכל פון דעם מין. דאָ וואָלט זיך געפאַסט אַן עלעמענטאַרער אַריינפיר, וואָס זאָל זיך פאַרנעמען ניט מיט אַ ל ג ע מ יי נ ע פראָבלעמען פון דער שפראַכוויסנשאַפט, נאָר ער זאָל דורך קאָנקרעטע בײַשפילן געבן א פאָרשטעלונג וועגן די צילן און די גענג פון דער וויסנשאַפט. און די בײַשפילן וואָלטן געווינטליך געדאַרפט גענומען ווערן פון יידיש. גראָד

מיט דער געשיכטע און מיטן צוזאַמענשטעל פֿון ייִדיש איז גרינג צו אילוסטרירן אַלגעמײַנע געזעצן. ס'איז אַ שפּראַך, וואָס איז אויסגעוואַקסן לפי־ערך מיט אַ קורצער צײַט צוריק, אַלע אירע תּקופֿות האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט בכתב, דער לעקסיקאָן, די וואָרטבילדונג, דער סינטאַקסיס זײַנען פּרינציפּיעל די אייגענע, וואָס בײַ אַ גרויסן טייל פֿון די הײַנטיקע שפּראַכן. ס'איז נאָר אַ קשיא, צי לאָזט זיך שוין שאַפֿן אַזאַ ווערק (אַן ערך לויטן טיפּ פֿון יעספּערסענס בוך וועגן ענגליש אָדער בעהאַגהעלס וועגן דײַטש) בײַם הײַנטיקן שטאַנד פֿון דער ייִדיש־פֿאָרשונג; איך מיין אָבער, אַז יאָ. ניט אויף אַלע האַרבע קשיות לאָזט זיך נאָך געבן אַן ענטפֿער, ווײַל עס ליגן נאָך אין אָקספֿאָרד, אין האַמבורג, אין מינכען, אין פּאַרמע און אין אַנדערע ערטער פֿיל צעהנדליקער כּתבֿ־ידן, וואָס קיינער האָט נאָך אין די אויגן ניט אָנגעזעהן. אָבער וואו ס'איז ניטאָ קיין ענטפֿער, קאָן מען איבערלאָזן אַ פֿראַגצייכן. אַן אָפּשילדערונג פֿון די פּראָבלעמען פֿון דער ייִדישער פֿילאָלאָגיע איז שוין אויך זייער אינטערעסאַנט.

כּל־זמן מיר האָבן נאָך ניט אַזאַ מין בוך פֿאַרן אָנהייבער, דאַרפֿן מיר אים אָפּשיקן צו יענע ביכער, וואָס מיר פֿאַרמאָגן יאָ. איך רעכן, אַז דאָס גלײַכסטע איז: נעמען זיך פֿריער פֿאַר אַלץ צום שטודיום פֿון דער לעבעדיגער שפּראַך: די געשיכטע פֿון אַ שפּראַך עפֿנט אויף פֿאַר אונז אַ סך ברייטערע פּערספּעקטיוון, אָבער לכתּחילה מוז מען זיך דאָך אויסלערנען קוקן, אַניט זעהט מען גאָרנישט.

4. היינריך לעווע'ס בוך Die Sprachen der Juden (אַרויסגעגעבן פֿון Jüdischer Verlag, 1911) האָט זיך אונטערגענומען צו טון אַ וויכטיגע אַרבעט, נאָר אַרויסגעקומען זײַנען דערפֿון צעהן נודנע דרוקבויגן. ס'איז אַ גליקליכער געדאַנק: אויסשטעלן איינס לעבן דאָס אַנדערע אַלע לשונות, וואָס ייִדן האָבן איבערגעהאַט, זינט העברעאיש האָט אויפֿגעהערט צו קלינגען אין מויל פֿון פֿאָלק, און אויסגעפֿינען, וואָס פֿאַרבינדט די אַלע לשונות. עס קאָן גרינגלײַך געמאָלט זײַן, אַז מיר וואָלטן דאַן געפֿינען אַ סך קרובהשע שטריכן, וואָס נעמען זיך פֿונם בשותּפֿותדיקן «ייִדישן גייסט» אין די אַלע שפּראַכן. אָנשטאָט דעם האָט לעווע זיך פֿאַרמאָסטן צו צעשמעטערן אַלע «געגנער פֿון העברעאיש» (ד"ה אַזעלכע, וואָס גלייבן ניט אין דער אויפֿלעבונג פֿון דער העברעאישער שפּראַך); דעריבער

לאָזט ער זיך אַוועק אויף לאַנגע זײַטן אין א פּאָלעמיק מיט די אָנהענגער פון א יידישער שול און דערציילט זײַנע דײַטשע לעזער א מעשה (ז׳ 127), אַז «די יידן זיינען נאָך הײַנט א פאָלק, וואָס די גרעסטע מערהייט זײַנע רעדט אויף איינעם פון די יידישע דיאַלעקטן, נאָר שרײַבן שרײַבט זי העברעאיש». אמת, לעווע איז פאָרט א ד ײַ ט ש ע ר ציוניסט; באַציט ער זיך צו יידיש מער טאָלעראַנט, ווי אונזערע היימישע תּרבות־לײַט (דאָס בוך ענדיגט זיך מיט א לויב־געזאַנג צו דער «תּרבות»), נאָר קיין ווערט קומט אים פון דעם ניט צו. אַרום און אַרום: א בוך, פון וועלכן ס׳ווערט אומעטיג אויפן האַרצן: אָט דאָס רופט זיך בײַ יידן וויסנשאַפט!

5. אָהן א שיעור טיפער, אינטערעסאַנטער און באַלערנדיגער איז דאָס ווערק פון מ ת ת י ה ו מ י ז ע ס, וואָס איז אַרויס אין דער צײַט פון מלחמה: **Matthias Mieses, Die Entstehungsursache der jüdischen Dialekte, R. Löwit Verlag, Wien 1915**. מיזעס שטעלט זיך א פראַגע, וואָסערע סיבות עס האָבן געבראַכט דערצו, אַז יידן האָבן זיך כמעט אומעטום אין גלות געשאַפן אייגענע שפּראַכן. די באַדריקטע לאַגע זייערע? נאָר אָט האָבן די שקלאַפן אין רוים, די צוגעהעריגע פויערים אין מיטלעלטער ניט געהאַט קיין אייגענעם לשון. אפשר איז שולדיג די ראַסע? נאָר מיר זעהען א סך פאַלן, וואו די באַזונדערקייט פון דער אָפּשטאַמונג האָט ניט אַרויסגערופן קיין שפּראַכיגע באַזונדערקייט: די הוגענאָטן, וואָס זיינען פאַרוואָגלט געוואָרן פון פראַנקרײַך קיין דײַטש־לאַנד, די גריכן אין דרום־גאַליע — זיי האָבן זיך אויסגעמישט מיט דער אָרטיגער באַפעלקערונג און זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן פון דער ווײַסער וועלט. די ווירטשאַפטליכע שטעלונג פון די יידן, זייער ראָליע פון סוחרים און מַלווה׳ס? נאָר קיינמאָל האָבן ניט אַלע סוחרים גערעדט אויף א יידישן לשון, אַלעמאָל נאָר דער י י ד י ש ע ר טייל פון די סוחרים.

און אַזוי ווײַטער און ווײַטער. מיזעס גייט דורך כּסדר אַלע אַרגו־מענטן און פרעגט זיי אָפּ, ביז וואַנען ער קומט צו זײַן טעזיס: יידן פלעגן זיך שאַפן באַזונדערע שפּראַכן, ווײַל זיי האָבן געהאַט א באַזונדערע ר ע ל י ג י ע. ער ברענגט א גאַנצע ריי פאַקטן פון אַנדערע פעלקער, וואָס די שפּראַך האָט זיך בײַ זיי געשפּאָלטן צוליב קאָנפעסיאָנעלע שפּאַלטונגען: בײַ די אינדיער, בײַ די כינעזער, בײַ די סלאָוואַקן. דאָס

אייגענע געפינט ער אויס ביי יידן אויך; די יידישע לשונות זיינען אויפ־געקומען, ווייל יידן האָבן געהאַט אַן אַנדער אמונה, ווי דאָס פאָלק, ביי וועמען זיי פלעגן איבערנעמען די שפּראַך. נאָר איינמאָל אויפגעקומען, זאָגט מיזעס, וועלן שוין די יידישע שפּראַכן, און איבערהויפּט אונזער יידיש, עמאַנסיפּירן זיך פון דער קאָנפעסיאָנעלער אפּוטרופּסות.

6. מיזעסעס אַרבעט (120 זייטן) איז וויכטיג קודם־כל צוליב דעם גרויסן באַרג מאַטעריאַל, וואָס ער האָט אויפגעקליבן. וואָס ס׳איז שייך צו זיין טעאָריע, דערזעהט מען באַלד, אַז זי איז ניט אַזוי משונה־פרעמד, ווי ס׳דוכט זיך אָפּ אין דער ערשטער מינוט. ניט אַזוי די אמונה גופא טרעט אַרויס ווי דער פאַקטאָר, וואָס פורעמט די שפּראַך, נאָר די אָפּ־געשלאָסענע סביבה, וואָס ווערט דורך דער באַזונדערער אמונה גע־שאַפן. אַז א קאָנפעסיאָנעלער צווישנשייד ברענגט א גרויסע שפּראַכיגע אַנטוויקלונג — דאָס וועט קיינער ניט גיין אָפּלייקענען. מיר זעהען דאָס אַפילו אין אונזער קיבוץ אויך: די חסידישע באַוועגונג האָט געבראַכט צו א גרויסער אַנטוויקלונג פון יידיש. אָבער דאָס אייגענע, אפשר נאָך אין א גרעסערער מאָס, האָט אויפגעטון די אַרבעטער־באַוועגונג; אַלזאָ ניט דווקא א רעליגיעזע איבערקערעניש מאַכט אָן א שפּראַכיגע איבערקערעניש, נאָר אויך אַנדערע טיפע שינוים אין די תנאים פון לעבן. הייסט עס, די גאַנצע פּראָבלעם ווערט אַריבערגעטראָגן אין אַן אַנדער פלאַך. די יידישע לשונות זיינען טאַקע באַשאַפן געוואָרן דורך דער אָפּגעשלאָסנקייט פון די יידישע סביבות; נאָר עס בלייבט א קשיה, מיט וואָס יידן האָבן אויפגעהיט זייער אָפּגעשלאָסנקייט, זייער אייגנאַרטיקייט, זייער קיום — צי דורך דער אמונה, צי מיט אַנדערע וועגן. ס׳הערט אויף צו זיין א פראַגע פאַר דער פילאָלאָגיע, ס׳ווערט אַן ענין פאַר דער יידישער געשיכטע אין אַלגעמיין.

## ב

### יידישע גראַמאַטיקעס. פאָנעטיק

7. יידישע גראַמאַטיקעס האָבן מיר שוין עטליכע. איך מיין דאָ ניט זאַמלונגען פון איינציגע כללים, צונויפגעשטעלט אין א געוויסן סדר; אַזאַ זאַמלונג האָט שוין געגעבן בוקסטאָרף אין 1609, און אין 1750 האָט שוין קריזאַנדער בפירוש אָנגערופן זיין ווערק: «**Jüdisch-Teutsche Gramma-**

«tick»· אָבער די אַלע ווערק ביזן סוף פון 19טן י״ה זיינען נאָר גוט אַרויס־צודרינגען פון זיי געוויסע זאַכן וועגן דער יידישער שפּראַך אין עלטערע צײַטן; פאַרלאָזן זיך אויף זיי קאָן מען בשום־אופן ניט, און אַגב האָבן זיי זיך דאָך געשטעלט גאָר אנדערע צילן, ווי א הײַנטיגע יידישע גראַמאַטיק, וואָס וויל ס י ס ט ע מ אַ ט י ש באַשרײַבן אַלע זײַטן פון אונזער שפּראַכיגן לעבן·

אַלס ערשטער פּרוב פון א וויסנשאַפטליכער גראַמאַטיק דאַרף באַטראַכט ווערן שײַנעאַנוס רומעניש‏ע אַרבעט Studiu dialectologic asupra graiului Evreo-german (דיאַלעקטאָלאָגישער עטיוד וועגן דעם יידיש־דײַטשן ריידעניש), וואָס איז אַרויס אין בוקאַרעשט 1889· שײַנעאַנו, הײַנט איינער פון די באַוואוסטע רומענישע (און בכלל ראָמאַנישע) פילאָלאָגן, האָט שוין יעמאָלט געהאַט סאָלידע קענטענישן אין שפּראַכוויסנשאַפט, און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מען טאָר ניט גלײַכן יידיש צו דער הײַנטיגער נײַהויכ־דײַטשער ליטעראַטור־שפּראַך, נאָר מען דאַרף זוכן פאַראַלעלן אין דער מיטלהויכדײַטשער שפּראַך פון איין זײַט און אין די לעבעדיגע דײַטשע דיאַלעקטן פון דער אַנדער זײַט· איבעריגס פיל האָט שײַנעאַנו נאָך ניט געקאָנט יעמאָלט אויפטון, מחמת דער שטודיום פון די דײַטשע דיאַלעקטן איז נאָך דאַן געלעגן אין די וויקעלעך; אויך האָט ער געמוזט זײַן קורץ, ווײַל ער האָט אין 78 זײַטן ארײַנגעשפּאַרט א גראַמאַטיק, א פאַרגלײַך מיט די דײַטשע דיאַלעקטן, א פילאָלאָגישע ביבליאָגראַפיע, אויסצוגן פון עלטערע יידישע ווערק און א פּירוש אויף א סך ווערטער· — אין 1902 האָט שײַנעאַנו אָפּגעדרוקט א פאַרברייטערטע פראַנצויזישע איבערזעצונג פון זײַן אַלטער אַרבעט אין Mémoires de la société de linguistique, באַנד XII· אָבער די דאָזיגע באַאַרבעטונג איז אויך געבליבן ניט־פאַרענדיגט [באָראָכאָוו, No. 119 און 120]·

8· מיט א יאָר פריער פאַר שײַנעאַנון האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן אין לעמבערגער «Israelit» אַן אַרבעט פונם דאָרטיגן אַדוואָקאַט פ י ל י פּ מ אַ נ ש אונטערן נאָמען: «Der jüdisch-polnische Jargon» [באָראָכאָוו, No. 118]· מאַנש איז געווען א מיטגליד פון דער לעמבערגער קהילה־פאַרוואַלטונג, דער שאַפער פון איר סטאַטוט; אַן איבערגעגעבענער פאָלקסמענטש, איז ער געווען מיט לײַב און זייל אַרײַנגעטון אין אלע יידישע אָנגעלעגנהייטן, און ער איז געווען פעסט צוגעבונדן צו דער יידישער מאַסע· האָט ער זיך פאַר־

אינטערעסירט מיט איר שפראַך אויך, וואָס ער האָט שוין געקענט פון די קינדערשע יאָרן, נאָר וואָס פאַר א גאַליצישן אינטעליגענט איז זי יעמאָלט געווען ניט קיין גרויסער יחוס· קיין פילאָלאָג איז מאַנש ניט געווען; ער שרײַבט אַליין, אַז ער וויל געבן ניט מער ווי א «דילעטאַנטישן עטיוד», וואָס זאָל דערוועקן אַן אינטערעס צו דער שפראַך בײַ מלומדים· דעריבער זײַנען פאַראַן בײַ אים א סך זייער ריזיקאַלישע השערות; איבערהויפט ווען ער רעדט וועגן דעם, ווי אַזוי די צי יענע פאָרם איז אויפגעקומען· אָבער דערפאַר געפינען מיר אויך אין דער ארבעט א סך פײַנע אַכטגעבונגען[1], און ס'וואָלט געוויס געווען א יושר אַרויסצוגעבן אין א באַזונדער ביכל א נײַעם אָפדרוק פון מאַנשס עטיוד· איידער דאָס איז געשעהן, קאָן קיין רייד ניט זײַן וועגן ניצן די אַרבעט, וואָרים דער זשורנאַל, וואו זי האָט זיך געדרוקט אין פאָרטזעצונגען (דער מחבר איז געשטאָרבן 1890, ניט באַוויזנדיג צו פאַרענדיגן זי אינגאַנצן), איז איצטער געוואָרן א יקר־המציאות· דוכט זיך, נאָר אין ביבליאָטעק פון דער לעמבערגער קהילה איז פאַראַן א גאַנצער קאָמפּלעקט·

9· וועגן אַנדערע ווערק, מער אָדער ווייניגער וויסנשאַפטליכע, וועל איך ריידן א ביסעלע שפעטער; איצט ווילט זיך מיר דערמאָנען א בוך, וואָס איז גרינג צוטריטליך פאַר יעדערן און וואָס דערמיט איז די גלײַכסטע זאַך אָנצוהייבן די באַקענטשאַפט מיטן לעבן פון יידיש· דאָס איז זלמן רייזענס «גראַמאַטיק פון דער יידישער שפראַך» I (ווילנע, 1920, ש· שרעבערק)· א שאָד, וואָס עס איז דערווײַלע אַרויס מערניט ווי דער ערשטער טייל; אָבער דאָס איז שוין אויך א גרויסער געווינס· געוויינטליך, חסרונות קאָן מען געפינען אין ז· רייזענס גראַמאַטיק, איבערהויפט אין די אַלגעמיינע פאָרמולירונגען· די «ברעכונג», א שטייגער (133), איז ניט ריכטיג באַשריבן· אַן איבערגאַנג פון e צו a איז ניט קיין «פאַרטונקלונג» (157)· די באַצייכענונג פון דער אויסשפראַך אין פאַרשיידענע דיאַלעקטן וואָלט געדאַרפט געגעבן ווערן אין לאַטייניש אותיות; וואָרים ווען איר שרײַבט (63): «אין דעם פוילישן דיאַלעקט ווערט דער דיפטאָנג 'יי', דער צירה, אויסגערעדט ײַ (אַי)» וועט א בעסאַראַבער לייענען דעם ײַ = e + j, דעם ײַ = a און דעם אַי גאָר אפשר o + j (פגל' קאַץ — koc), און ס'וועט

[1] «בעאָבאַכטונגען» בלע"ז·

אַרויסקומען א גרויסער פלאָנטער. דאָס זיינען זאַכן, וואָס מוזן אין דער צווייטער אויפלאַגע פאַרריכט ווערן. נאָך עטליכע קליינינקע ניט־גענוי־קייטן וויל איך דאָ פאַרצייכענען. «קורץ» הייסט אויף לאַטיין ניט brevus, נאָר brevis (216). די אַלטגעזעסענע פאָרם פון smaragd אין יידיש איז ניט «שמאַראַגד» (242), נאָר «שמאַראַק», פונקט ווי אין מה״ד (אַזוי שטייט, למשל, אין מיין אַלטן תם־וישר, אָהן א שער, כב b) אדער אַפילו «שמאָראַק» (šmorak, šmurak; ליפשיץ, יוד׳־רוס׳ a 216: שמאֹראק). לבנה האָט געהייסן אין מה״ד ניט mant (92), נאָר māne אדער mān; און «פויפס» (94), האָט «וי» ניט ע״פ אַנאַלאָגיע מיט «אויבס» (א סמיכת־הפּרשה!), נאָר צוליב דעם, וואָס אונזער וואָרט איז אַרויסגעוואַקסן פון דער דייַטשער דיאַלעקטישער פאָרם pōps. איבערהויפּט איז א חסרון פון בוך דאָס, וואָס רייזען רעכנט זיך צו פיל מיט דער דייַטשער ליטעראַרישער שפּראַך און נעמט כמעט ניט אין אַכט די דייַטשע דיאַלעקטן.

10. איך האָב אויך אויסצוזעצן קעגן דעם אויפבוי פונם ערשטן טייל. צו וואָס האָט א דריטל פון בוך געדאַרפט פאַרנומען ווערן מיט אָרטאָגראַפיע? איך ווייס, אַז דאָס איז זייער אַן אַקטועלע טעמע ביי היינטיגן טאָג, און דער הֶדיוט[1]) מיינט, אַז אָרטאָגראַפיע איז דאָס אייבערשטע פון שטייסל אין דער גאַנצער שפּראַכוויסנשאַפט. דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס דעם עולם ווילט זיך שטאַרק וויסן, ווי אַזוי מען דאַרף שרייבן «ריכטיג», גייט ער פרעגן א שאלה ביי די פילאָלאָגן. אין דער אמתן קאָן אַן אויסלייג זיין צוועקמעסיג אָדער ניט צוועקמעסיג, אָבער צו פילאָלאָגיע, צו וויסנשאַפט האָט דאָס ניט. איבעריגנס בין איך מודה, אַז אויב שוין יאָ אָפּגעבן דער אָרטאָגראַפיע אַזאַ חשובן אָרט, האָט ז׳ רייזען באַהאַנדלט דעם ענין זייער גוט: ער האָט געגעבן ניט נאָר כללים, ווי אַזוי מען דאַרף שרייבן, נאָר אויך א קיצורדיגע געשיכטע פון דעם, ווי אזוי מען האָט געשריבן.

טעותן און אומפּינקטליכקייטן קאָן מען, הייסט עס, געפינען אין רייזענס אַרבעט. אָבער דער עיקר זיינען ניט איינצלקייטן, נאָר דאָס גאַנצע; און דאָ איז נאָך אַלעמען דער ווערט פונם בוך זייער גרויס; איך מיין, אַז רייזענס «גראַמאַטיק» איז היינט פאָרט דער בעסטער מיטל פאַרן אָנהייבער צו באַקענען זיך נעהענטער מיט יידיש און א גוט האַנטבוך פאַר

[1]) ד״ר זשיטלאָווסקיס אַן אויסדרוק: «לאַיע» בלע״ז.

יעדערן· דער מחבר סיסטעמאַטיזירט אויסגעצייכנט דעם פאַראַנענעם מאַטעריאַל׳ ער גיט אַ סך׳ און וואָס ער זאָגט׳ זאָגט ער באַשיידליך׳ אַזוי אַז איטליכער זאָל קאָנען פאַרשטיין· עס שפירט זיך דאָס געניטע אויג פאַר די פרטים פון שפראַכיגן לעבן· לאָמיר פאַרהאָפן׳ אַז די ווײַטערדיגע בענד וועלן ניט לאָזן וואַרטן אויף זיך צו לאַנג·

11· אַן אַנדער בוך׳ וואָס האָט אַ שמעלערן׳ אַ ריין פראַקטישן באַטײַט׳ איז ד״ר שלמה בירנבוימס: **Praktische Grammatik der jiddischen Sprache**· ס׳איז דער 128 טער טייל פון א סעריע׳ וואָס ברענגט פראַקטישע גראַמאַטיקעס פון אַלע שפראַכן׳ און דאָס האָט אַרויפגעלייגט א שטעמפל אויף בירנבוימס בוך אויך: ס׳איז א לערנבוך פאַר דײַטשן זיך אויסצולערנען כולה תורה פון יידיש אויף איין פוס· אויף 188 קליינע זײַטלעך האָבן מיר דאָ א פאָנעטיק׳ א מאָרפאָלאָגיע׳ א סינטאַקסיס׳ א כרעסטאָמאַטיע (וואָס פאַרנעמט 30 זײַטן)׳ א ווערטערבוך׳ א טאַבעלע פון די יידישע קלאַנגען און א ביבליאָגראַפיע· ווען מען זאָל דאָס נעמען אין אַכט׳ מוז מען פאַרחידושט ווערן׳ ווי אַזוי האָט זיך דאָס אײַנגעגעבן אויס־צושפרייטן אַזוי פיל מאַטעריאַל אויף אַזאַ קליינעם שטח·

בירנבוים איז א גאַליציאַנער און א הייסער חסיד פון גאַליצישן יידיש· דערפאַר הייסט עס ביי אים: דאָס נפש׳ דאָס רחמנות׳ דאָס אָרט; פיר־לייענען; אַלדינגס (און ניט «אַלצדינג»)· אָבער דאָס איז ניט קיין חסרון׳ נאָר א מעלה· דאָס גאַליצישע יידיש׳ און בכלל די שפראַך פון דעם גרויסן פויליש־גאַליציש־רומעניש קיבוץ׳ ווערט ביי אונז צו ווייניג גענומען אין באַטראַכט· דאָס וואָס בעראָכאָוו האָט אָפגעפסקנט (פנקס I ז׳ 78)׳ אַז די יידישע ליטעראַרישע שפראַך איז «די ווילנער מונדאַרט פון ליטווישן דיאַלעקט»׳ איז נאָך זייער ווינציג· אונזער ליטעראַרישע שפראַך קאָן געשאַפן ווערן נאָר דורך א קאָמפראָמיס פון פאַרשיידענע דיאַלעקטן׳ און וואָס מער דאָס פויליש־גאַליצישע יידנטום ווערט אַרײַנגעצויגן אינם אַלגעמיין־יידישן קולטור־לעבן׳ אַלץ מער וועט זיך לאָזן פילן זײַן לשון· דעריבער האָבן זיך ניט גע־קאָנט צונעמען די פרובן פון די קלעצקינשע אויסגאַבעס צו שרײַבן «דער לעבן»׳ «דער זײַן»׳ דעריבער בירגערט זיך ניט אײַן דאָס ליטווישע «א פולע» אד״ג·

12· בירנבוימס בוך איז העכסט פינקטליך אין זײַנע פאָרמולירונגען; מען קאָן זיך אויף אים פאַרלאָזן· ווען איך וויל וויסן׳ ווי אַזוי איז די און

די פאָרם ביי די גאַליציאַנער יידן׳ גיב איך אַלעמאָל א קוק ביי בירנבוימען׳ נאָר דעם ליטווישן דיאַלעקט איז ער אויך ניט מבזה׳ און א גאַנצע ריי סימנים פון ליטווישן יידיש זיינען אויך ביי אים פאַרצייכנט׳ ספעציעל וואָס ס׳איז שייך צו דער אויסשפּראַך האָט בירנבוים צוגעקלערט א סיסטעם׳ וואָס איז אי גרינג׳ אי פאַרשטענדליך׳ אונזער היינטיגע אויסלייגונג איז אויפגעבויט אויפן ליטווישן דיאַלעקט׳ זי שרייבט «טאָג» און «דאָך» אַלץ איינס מיט קמץ־אלף׳ כאָטש דריי פערטל פון יידישן פאָלק לייענען דעם ערשטן מאָל אַן u׳ דעם צווייטן מאָל o׳ דאָס אייגענע מיטן וו׳ בירנבוים שטעלט איין פאַר אַזוינע פאַלן פאַרשיידענע צייכנס׳ א שטייגער אָ און א׳ דער פּויליש־רומעניש־אוקראַאינישער ייד זאָל וויסן׳ אז אָ איז u און א איז o (אַ=a)׳ און דער ליטוואַק מעג זיך לייענען o איןביידע פאַלן׳ אויך דער טראַנסקריפּציע איז בירנבוים בייגעקומען מיט א קונציגן גאַנג דורך ספּעציעלע צייכנס: ů ĭ æj׳ למשל׳ «טאָג» ווערט מיט לאַטיינישע אותיות אָנגעשריבן tůg׳ דער גרויסער אות באַטייט די אויסשפּראַך פונם רוב יידן (u)׳ דער אייבערשטער קליינער o איז א סימן׳ אז אין ליטווישן יידיש שטייט דאָ o׳ דאָס אייגענע bĭch — bich און buch; אָדער wæjst (דו ווייסט) — wajst און wejst׳

בירנבוימס ביכל טאָר ניט פעלן ביי קיינעם׳ וואָס וויל זיך אָפּגעבן מיט יידיש׳ ס׳זיינען אין אים ניטאָ קיין היסטאָרישע און פּסיכאָלאָגישע חקירות — דער מחבר האָט דאָך מער ניט צוגעזאָגט׳ ווי א פּ ר אַ ק ט י ש ע גראַמאַטיק — אָבער דאָס וואָס עס איז דאָ׳ איז גוט׳[1])

13׳ מיט א סך א ברייטערן פּאַרנעם איז צוגעטראָטן צו זיין אַרבעט יעקב ווילער׳ וואָס האָט אָנגעשריבן דעם קאַפּיטל וועגן יידיש אין דעם פילאָלאָגישן אָפּטייל (באַנד II און III) פון דער «פּוילישער ענציקלאָפּעדיע» פון דער קראָקער אַקאַדעמיע׳ (אָט דער אָפּטייל: «Język polski i jego historja» האַלט צוויי טיילן׳ 422 + 545 גרויסע זייטן׳ און פון דעם פאַרנעמט ווילערס אַרטיקל Żargon zydowski na ziemiach polskich די זייטן 395—424 אין צווייטן טייל)׳ דער מחבר גיט קורצע׳

[1]) אגב אורחא וויל איך פאַרריכטן א גרייז ביי בירנבוימען ז׳ 118 a: אין דער ליטע זאָגט מען gawer׳ פּונקט ווי אין גאַליציע׳ און דעריבער דאַרף מען שרייבן ניט «גייווער»׳ נאָר «גאַווער»׳ דאָס וואָרט שטאַמט פון מה״ד geifer און איז איינס פון די ווערטער׳ וואָס מיר האָבן ביי אונז אין מ ע ר ב ־ י י ד י ש ן געשטאַלט (זעה ז׳ 52 פ׳)׳

אָבער טרעפיגע דעפיניציעס. פון דער הקדמה ווערן מיר געוואויר, אַז ווילער האָט אין 1909/10 דערלאַנגט אין לעמבערגער אוניווערסיטעט א דיסערטאַציע אויף דײַטש מיטן נאָמען: „דער גאַליציש־יידישער דיאַלעקט, באַזירט אויף דעם דיאַלעקט פון לעמבערג. פאָנעטיק, מאָרפאָלאָגיע, ווערטבילדונג.“ א גרויסער שאָד, וואָס די דאָזיגע אַרבעט איז פאַרבליבן ניט־געדרוקט. גראָד אין דער קענטעניש פון דער לעבעדיגער רייד־שפּראַך ווײַזט ווילער אויס צו זײַן פערם; פאַרקערט, וואו ער לאָזט זיך אַוועק אויף א ברייטערן וועג, פאַלט ער אָפטמאָל אַרײַן אין טעותן. ער וויל, למשל, אויפווײַזן (ז׳ 397), אַז די יידישע שפּראַך שטאַמט פון שלעזישן דײַטשן דיאַלעקט. אָדער (ז׳ 409) שרייבט ער, אַז די ליטוויש־רוסישע יידן זאָגן „פאַרציילן“ און די פוילישע: „דערציילן“. דאָ האָט ער זיך געלאָזט פאַרפירן פון זײַן לעמבערגער פאָרם, וואָס האָט טאַקע א „דער־“; דעם אייגענעם „דער־“ האָבן אויך די ליטווישע יידן, און גראָד די קאָנגרעס־פוילישע (פרץ!) זאָגן און שרײַבן „פאַרציילן“. בכלל מוז מען זײַן פאָרזיכטיג בײַ ווילערן, ווען ער ברענגט פאַראַלעלן פון ליטווישן יידיש; אויף דעם האָט אים ניט געקלעקט קיין מאַטעריאַל.

דאָס זיינען אָבער אַלץ קלייניקייטן לגבי דעם אויפטו פון ווילערן אין זײַנע פאָנעטישע קאַפּיטלען. ער גיט א גענויע טיילונג אין לאַנגע און קורצע וואָקאַלן, ער כאַראַקטעריזירט די געגעזלטע וואָקאַלן, די דיפטאָנגען און די פויליש־גאַליצישע „טריפטאָנגען“ אין אַזעלכע ווערטער, ווי houəs (הויז), pouə (פויער). ער ווײַזט אויף, אַז אין זײַן יידיש איז נאָך פאַראַן דער בײַט צווישן p און b, צווישן k און g, צווישן f און w: łabr (לײַבער), אָבער łap; klugn (קלאָגן), אָבער kluk (קלאָג); priwn (פּרובן), אָבער prīft (ער פּרובט). פאַראַן א פאַרגלײַך מיט די עלטערע דײַטשע און סלאַווישע קלאַנגען, וואָס האָבן זיך געביטן, אַריבערגייענדיג אין יידיש. פאַראַן א דיפערענצירונג פון די רעדוצירטע וואָקאַלן ə (צערײַסן) און ə (אַהיים). גוט באַאַרבעט איז די מאָרפאָלאָגיע; אויך גיט ווילער פאַר־בײַגייענדיג עטליכע אינטערעסאַנטע מזרח־גאַליצישע דיאַלעקט־ווערטער.

ס׳וואָלט געווען א גרויסער געווינס, ווען ווילער וואָלט אַרויסגעגעבן (אויב מיגליך, אויף יידיש, אַניט איז כאָטש אויף דײַטש) זײַן גרויסע אַרבעט. דער יידישער פילאָלאָגיע וואָלט א סך צוגעקומען דערפון, בפרט נאָך, אַז די „פוילישע

ענציקלאָפּעדיע» איז אינגאַנצן אויסגעפּאַרקויפֿט און קיין נײַע אויפֿלאַגע זעהט זיך דערווײַלע ניט.

14. נאָך שווערער איז בײַ הײַנטיקן טאָג צו באַקומען א ווערק, וואָס האָט אויפֿגעהויבן אויף א העכערן שטאַפּל די גאַנצע יידישע שפּראַכוויסנשאַפֿט: די אַרבעט פֿון יעקב גערצאָן: Die jüdisch-deutsche Sprache, פֿראַנקפֿורט 1902 [באָראָכאָוו, No. 322]. גערצאָנס אויפֿטו באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט טריט פֿאַר טריט דורכגעפֿירט דעם פֿאַרגלײַך צווישן יידיש און מיטלהויכדייטש און אויף אַזאַ אופֿן געשאַפֿן דעם יסוד פֿאַר א וויסנשאַפֿטליכער יידישער גראַמאַטיק. געטון געוואָרן איז דאָס אויף א גענוג פּרימיטיוון אופֿן: ער האָט גענומען פּוילס מיטלהויכדייטשע גראַמאַטיק און אײַנגעטיילט זײַן יידישן מאַטעריאַל אויפֿן זעלביקן שטייגער, ניט אָפּצוטרעטן אויף א האָר. און דעם מאַטעריאַל זײַנעם האָט ער אויך צונויפֿגענומען מיט א מערקווירדיקן גאַנג. גערצאָן איז א דײַטשער ייד, וואָס האָט קיינמאָל קיין יידיש ניט גערעדט און ניט געהערט (סײַדן אַמאָל א פּאָר ווערטער בײַ זײַנע «רוסישע», ד"ה מזרח־יידישע קאָלעגן); האָט אים עמיצער געגעבן אַן עצה, בשעת ער האָט שטודירט גערמאַניסטיק אין היידעלבערגער אוניווערסיטעט, אַז ער זאָל אָנשרײַבן א דיסערטאַציע וועגן יידיש. גערצאָנען איז דאָס געפֿעלן, זײַן פּראָפֿעסאָר (ווילהעלם ברוינע, איינער פֿון די חשובסטע דײַטשע פֿילאָלאָגן) האָט אויך געגעבן זײַן הסכם. האָט גערצאָן אַראָפּגעבראַכט פֿון רוסלאַנד פּרצעס יום־טוב־בלעטלעך, פּרוגס לידער און געדאַנקען (אַדעס 1896), דרײַ דערציילונגען פֿון ד. פּינסקי, «א בינטל בלומען» פֿון שלום־עליכם (בערדיטשעוו 1888), די קליאַטשע און נאָך א פּאָר — אַרום און אַרום אַכט ביכלעך! פֿון דאָרטן האָט ער געשעפּט זײַן גאַנצע תורה. צום העברעאישן און סלאַווישן עלעמענט אין יידיש האָט ער מורא געהאַט זיך צוצורירן — איז בײַ אים איבערגעבליבן נאָר אַן אויספֿאָרשונג פֿון די דײַטשע טיילן.

15. ווען מען נעמט אין אַכט, ווי אַזוי און פֿון וועמען דאָס בוך איז געשריבן געוואָרן, מוז מען זאָגן: ס'איז געראָטן זייער גוט. ד"ר אַלפֿרעד לאַנדוי, אַליין אַן אויסגעצייכנטער קענער פֿון יידיש און פֿון גערמאַניסטיק (זעה אונטן) האָט אָנגעשריבן וועגן גערצאָנס בוך ניט קיין גינציקע רעצענזיע (Zeitschrift für deutsche Philologie באַנד 36, ז' 262—269), און

ס׳קומט בײַ אים כמעט אויס, אַז גערצאָן האָט נאָר איין מעלה: ער האָט געהאַט מוט זיך צו נעמען צו דער אַרבעט, ניט קענענדיק ניט קיין ייִדיש, ניט קיין העברעאיש־אַראַמיש, ניט קיין סלאַווישע שפּראַכן. אַזאַ מין שאַרפער פּסק איז אַבסאָלוט ניט באַרעכטיגט, הגם לאַנדויס איינצלנע באַמערקונגען און אויסבעסערונגען קאָן מען אַלע אָננעמען. דאָס איז קיין ספק ניט, אַז ווען לאַנדוי אַליין וואָלט אונז מזכּה געווען מיט אַ סיסטעמאַטיש ווערק וועגן ייִדיש, וואָלט דאָס געווען אַ שײַנדל אין אונזער וויסנשאַפט; אָבער די מעשה איז, וואָס פון לאַנדוי׳ן פאַרמאָגן מיר נאָר אַרטיקלען וועגן איינציקע פראַגן, קיין סך־הכל פון זײַנע צעהנדלינגיאָרעדיגע אַרבעטן האָט ער אונז ניט געגעבן. און איידער מען גייט אַריבער צו ווײַטערדיגע פאָרשונגען, מוז מען האָבן אַ סכעמע פון די באַציאונגען צווישן מה״ד און ייִדיש. די סכעמע געפינען מיר בײַ גערצאָנען, און זי העלפט אונז אָפּט אויס אין ספק׳דיגע פאַלן, כאָטש ער איז טיילמאָל אַזוי אומבאַהאָלפן, אַז ער קאָן קיין שום אַלגעמיינעם געזעץ ניט פאָרמולירן. אויך איז וויכטיג, ניט געקוקט אויף טעותן, זײַן אָפּטיילונג «וואָרט־אוצר», וואָס טײַטשט אויס אויף 47 זײַטן די אָפּשטאַמונג פון 424 ייִדישע ווערטער.

16. זינט גערצאָן האָט אָפּגעדרוקט זײַן דיסערטאַציע, זײַנען אַוועק צוואַנציג יאָר, נאָר מיר האָבן נאָך ביז הײַנט ניט קיין צווייטן פּרוב דורכצופירן (מיט אַ בעסערער צוגרייטונג) אַ סיסטעמאַטישן פאַרגלײַך צווישן מאָרפאָלאָגיע, סינטאַקסיס און לעקסיקאָן פון מה״ד און ייִדיש. בנוגע פאָנעטיק איז אונז יאָ צוגעקומען אַ נײַס, וואָס איז אין די מערסטע פּרטים בעסער ווי גערצאָן, מחמת מיר האָבן דאָ צו טון מיט אַ מענטשן, וואָס האָט געהערט ריידן און אפשר אַליין גערעדט אַ לעבעדיגן ייִדישן דיאַלעקט. איך האָב אין זינען ד״ר עדוואַרד סאַפּיר׳ס עטיוד, וואָס איז אין דער צײַט פון קריג געווען אָפּגעדרוקט אונטערן נאָמען: Notes on Judeo-German Philology אין דעם אַמעריקאַנער זשורנאַל Jewish Quarterly Review (נײַע סעריע, ב׳ 6, No. 2 אָקטאָבער 1915). סאַפּיר, אַ מענטש, וואָס האָט שוין געשריבן וועגן אַלגעמיינע פילאָלאָגישע פראַגן, האָט אין דעם אַרטיקל (37 זײַטן) אַרומגערעדט די קלאַנגען פונם קאָוונער ייִדיש. אויף עפּעס ברייטערס פאַרמעסט ער זיך ניט, אָבער אין זײַן גבול האָט ער געגעבן גוטס, ניט נאָר «באַמערקונגען» (ווי ער רופט אָן מיט

עניוות זײַן אַרבעט), נאָר א סיסטעמאַטישן איבערבליק. אויך מאַכט ער אַלגעמיינערע אויספירן, ווי גערצאָן, און מיטן גרעסטן טייל קאָן מען מסכים זײַן. (אַמאָל ווערט סאַפיר געשטרויכלט אויך. ער וויל, למשל, באַנעמען די פאָרם «ראַטעווען» לגבי דעם דײַטשן retten. מה״ד און אַה״ד איז אויך אַזוי, ווי נה״ד; אין דער גערמאַנישער אורשפּראַך איז געווען hradjan. איז סאַפיר משער: אפשר איז געווען אין אורגערמאַניש, אחוץ דער פאָרם מיט j, נאָך א בײַפאָרם מיט w, אַן־ערך hradwan*, וואָס האָט געגעבן אין מה״ד ratwen, און די דאָזיגע פאָרם האָט זיך אײַנגעהיט אין יידיש? איידער אויפבויען אַזאַ מין טורעם און מטריח זײַן אַזש די גער־מאַנישע אורשפּראַך פון פאַר 2000 יאָר, וואָלט געווען א סך פּשוט'ער צו געבן דעם איינציג־מיגליכן ענטפער: אַז דאָס וואָרט «ראַטעווען» איז גע־קומען צו אונז ניט פון דײַטש, נאָר דורך דער פאַרמיטלונג פון פּוילישן ratować[1]) יעמאָלט ווערט קלאָר אי דער a, אי דער w.) ס'וואָלט זייער כּדאי געווען צו האָבן סאַפירס אַרבעט אין יידיש, כאָטש ער אַליין האָט זיך געשטעלט פאַר א ציל «צו דערווײַזן, אַז א גרונטיגע אויספאָרשונג פון דער פאָנעטיק, פון דער מאָרפאָלאָגיע און פונם וואָרט־אוצר פון יידיש מוז געבן רײַכע פּרוכט פאַר דער דײַטשער דיאַלעקטאָלאָגיע».

17. אַז מיר האַלטן שוין בײַ פאָנעטיק, מוזן מיר זיך אָפּשטעלן נאָך אויף איינער אַן אַרבעט, וואָס איר מחבר האָט שוין גראָד ניט געקוקט אין דער פרעמד און דווקא געהאַט אין זינען דעם באַטײַט פון דער יידישער פילאָלאָגיע פאַר דער יידישער וויסנשאַפט. ס'איז ה. טשעמערינסקיס ז״ל «יידישע פאָנעטיק» אין פּנקס I. אַלגעמיינע טענות קעגן טש' סיסטעם האָט שוין געגעבן ב. באָראָכאָוו אין זײַנע «אָנמערקונגען», וואָס זיינען געדרוקט באַלד נאָך טש' אַרבעט. ליידער האָט באָראָכאָוו ניט אָנ־געוויזן, אַז בײַ טש' זיינען געבראַכט אַנדערע «מה״ד» בײַשפּילן ניט פון א מה״ד ווערטערבוך, נאָר פון דער הגדה; א שטייגער די חקירה וועגן vor און für (ז' 62), וועגן זון Sohn און זון Sonne (דאָרטן גופא). בכלל איז דאָ שטאַרק געפּלאָנטערט אין א סך זאַכן, וואָס זיינען שייך צו דײַטש, א שטייגער וועגן דעם קורצן i אין viel, Glieder א. אַז. וו. (די אַנאַלאָגיע «פויפס — אויבס» האָט ז. רייזען, ווייזט אויס, אויך פון טשעמערינסקין.)

[1]) ענליך איז אויך מיט «שאַנעווען». זעה ווײַטער אונטן «מגילת ווינץ», הערה 76.

נאָר איך בין ניט מסכּים מיט א רעצענזענט (אויב איך האָב קיין טעות ניט, איז דאָס געווען ה׳ ב ע ל ־ ד מ י ו ן אין דער «יידישער וועלט»), אַז אויב מען מוז שוין יאָ אָנקומען צו מה״ד, איז גלייַכער לכתחילה געבן א פאַרגלייַך פון אַ ל ע יידישע קלאַנגען מיט מה״ד, איידער אָנקומען צום מאָדערנעם דייַטש, ווי טש׳ האָט דאָס געטון. בייַ מיר קומט אויס, אַז טש׳ איז אין פ ר י נ צ י פ גראָד געווען גערעכט. פאַראַן אַ סך ערשייַנונגען אין יידיש, וואָס מען קאָן זיי מיט מה״ד ניט בייַקומען — ווער רעדט נאָך מיט יענע נאָרמאַליזירטע מה״ד פאָרמען, וואָס מען געפינט אין לעקסערס ווערטערבוך — און מען מוז ניט־ווילנדיג אַרייַנציען אין ראָד אויך די הייַנטיגע דייַטשע שפּראַך און אירע דיאַלעקטן.

18. צו די אַרבעטן וועגן פאָנעטיק קומט אונז אויס דערווייַלע צוצורעכענען אויך דעם «היסטאָריש־גראַמאַטישן פּרוב», וואָס מ ת ת י ה ו מ י ז ע ס האָט פּובליקירט אין די No. 62/61 און 64/63 פון די «מיטטיילונגען». איך זאָג «דערווייַלע», מחמת פאַרמאָסטן האָט זיך דער מחבר אויף עפּעס ברייטערס, דאָס קעפּל הייסט: Die jiddische Sprache, נאָר לע״ע האָט זיך דער דרוק פון דער אַרבעט איבערגעריסן בייַ דער באַטראַכטונג פון די וואָקאַלן. פון דעם רייסטער פון די באַנוצטע ביכער, וואָס פאַרנעמט באַלד 4 זייַטן, זעהט מען שוין אַרויס מיזעסעס ווייַטגרייכיגע כּוונות, און די ערשטע פּאָר זייַטלעך פון דער אַרבעט באַשטעטיגן, אַז דער מחבר האָט דאָ געהאַט בדעה צו געבן אַזוינס, וואָס זאָל מאַכן א סך־הכּל פון די ביז־איצטיגע פאָרשונגען. נאָר איך האַלט ניט, אַז דער «פּרוב» זאָל קאָנען באַפרידיגן. מיזעס ברענגט זייער פיל בייַשפּילן, וואָס קאָנען צו־נוץ קומען; ער קען גוט די סלאַווישע שפּראַכן און וויים צו ברענגען פון זיי אינטערעסאַנטע פאַראַלעלן. אויך בין איך דורכאויס מסכּים מיט אים, וואָס ער נעמט פאַר א יסוד פון זייַן באַטראַכטונג ניט דאָס ליטווישע יידיש, נאָר די דיאַלעקטן פון פּוילן, גאַליציע, וואָלין, פּאָדאָל, אוקראַאינע און צפון־אונגאַרן, וואָס ער רופט אָן אַלע צוזאַמען מיטן נאָמען «ד ר ו ם ־ י י ד י ש» (דאָס ליטווישע יידיש הייסט בייַ אים צ פ ו ן ־ י י ד י ש, דאָס כּמעט אויסגעשטאָרבענע יידיש פון דייַטשלאַנד — «מ ע ר ב ־ י י ד י ש»). נאָר מיזעס לאָזט זיך פאַרפירן פון זייַן הויפּטגעדאַנק, וואָס ער האָט אַרויס־געזאָגט אין זייַן בוך: «די סיבה פונם אויפקומען פון די יידישע דיאַלעקטן»

[זעה אויבן ז׳ 9—10]. וויבאַלד די רעליגיע איז די עיקר־סיבה פון שפּראַכיגע שינוים, מוז שפּילן די הויפּט־ראָליע יענער עלעמענט, וואָס בלייבט איבער אין אַלע יידישע לשונות: דער העבראַישער עלעמענט. וויל מיזעס אויפווייזן אין עטליכע פאַלן, אַז דווקא די אויסשפּראַך פון העבראַיש ביי יידן האָט געבראַכט צו דער אָדער יענער אייגנטימליכקייט פון אונזער היינטיגן יידיש. א שטייגער, דער דייטשער לאַנגער a איז ביי אונז געוואָרן o. ס׳איז באַוואוסט, אַז אויף דער שוועל פון דער נייער צייט איז דער a אין דייטש אויך כמעט ווי בטל געוואָרן, א גרויסער טייל דייטשע דיאַלעקטן ווייסן פון אים היינט אויך ניט, און טאָמער האָט זיך אין דער דייטשער ליטעראַטור־שפּראַך צוריק איינגעפונדעוועט דער a, איז דאָס א רעזולטאַט פון לאַטייניש, איטאַליענישער און פראַנצויזישער השפּעה. דוכט זיך, ס׳איז קלאָר, אַז דער יידישער o (לכל־הפחות אין די דייטשע עלעמענטן פון יידיש) איז אויך אַן אָפּשיין פון דיזעלביגע פאַרהעלטענישן. נאָר מיזעס זאָגט ניין. ער ברענגט פריער אויף זעקסטהאַלבן זייטן ראיות, אַז דעם קמץ־גדול האָבן יידן אַרויסגערעדט מיט דער היינטיגער אַשכּנזישער הברה (o) נאָך איידער זיי זיינען געקומען קיין דייטשלאַנד, און וויבאַלד אַזוי, איז דער o פון ā אין ניט־העבראַישע ווערטער «נאָר אַן אויסגעהאַלטענע פאַרשפּרייטונג פון אַן אייגנטימליכקייט, וואָס יידן האָבן מיטגעבראַכט פון דער פרעמד», און טאָמער שטימט דאָס מיט קלאַנגיגע שינוים אין דער דייטשער שפּראַך, איז דאָס «א ריין צופעליגער צוזאַמענטרעף»!

ענליכע חקירות געפינען מיר אויך ביי אַנדערע וואָקאַלן: אומעטום לאַנגע ציטאַטעס וועגן ערשיינונגען פון דער העבראַישער אויסשפּראַך, וואָס האָבן צו אונז קיין דירעקטע שייכות ניט. נאָר איין שבח קומט מיזעסן — ער האָט באַנוצט אַזוי פיל און אַזאַ פילזייטיגן מאַטעריאַל, ווי קיינער ביז אים.

## ג

### די עלעמענטן פון יידיש

19. אַז יידיש באַשטייט פון דריי עלעמענטן: גערמאַניש, העבראַיש און סלאַוויש, דאָס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן שוין פון לאַנג, און אומזיסט האָט ה׳ בעל־דמיון אין זיין רעצענזיע אויפן «פּנקס» («יידישע וועלט» II און III, 1914) געפּרובט אָפּפרעגן דעם אויסדרוק «עלעמענט» בנוגע סלאַוויש,

פויליש׳ אוקראַאיניש׳ ווײַסרוסיש (טײלווײז אויך גרויסרוסיש) זײנען פאַר אונז אין א גרויסער מאָס דאָס׳ וואָס פאַרן אַמעריקאַנער יידיש דאָס ענג־ליש — די מעכטיגע׳ אַמאָל איבערמעכטיגע שפּראַך פון דער אַרומיגער וועלט׳ וואָס פון איר דרינגען אַרײַן אין יידיש דורך אַלע פאָרעס ווערטער׳ ווענדונגען׳ פאָרמען. איז דעריבער צו פאַרשטײן דער אינסטינקטיוועד ווידערטעם׳ וואָס יעדער רײנהאַלטער פון יידיש דערשפּירט בײַ א סלאַווישן אָדער אַן ענגלישן וואָרט. אָבער דאָס טאָר דאָך אונז ניט פאַרבלענדן די אויגן׳ אַז מיר זאָלן ניט זעהן וויכטיגע סימנים פון אונזער שפּראַך׳ וואָס שטאַמען גראָד פון סלאַווישע מקורים.

ניט דאָ איז דער אָרט צו רײדן וועגן־דעם באַריכות׳ איך זאָג דאָס נאָר אויף צו באַווײַזן׳ אַז פונקט ווי גערצאָן האָט אַנאַליזירט די גערמאַנישע טײלן פון יידיש׳ אַזוי איז זײער וויכטיג פונאַנדערצוגלידערן די העברע־אישע און סלאַווישע טײלן׳ כדי מיר זאָלן זעהן׳ וואָס מיר האָבן זײ צו פאַרדאַנקען.

20. וואָסערע פונקציעס עס טוען אָפּ די פאַרשײדענע עלעמענטן פון יידיש: דײַטש׳ העברעאיש׳ סלאַוויש — דאָס האָט נאָך קײנער ניט באַ־שריבן אַזוי׳ אַז מען זאָל קאָנען פון דעם זײַן צופרידן. מיר שטײען נאָך הײַנט בײַ דער דעפיניציע׳ וואָס עס האָט געגעבן מיט 90 יאָר צוריק לעאָפּאָלד צונץ אין זײַן ווערק: «Die gottesdienstlichen Vorträge der Juden» (בערלין 1832)׳ ז׳ 438—441. די העברעאישע ווערטער׳ זאָגט ער׳ ניצט מען: א) פאַר געגנשטאַנדן׳ וואָס זײַנען שײך צו יידישקײט (טלית׳ חופה׳ אתרוג׳ מצוה אד״ג) און צום יידישן לעבן (ישיבה׳ דין׳ קהל׳ בעל־הבית אד״ג); ב) פאַר השגות׳ וואָס דאָס לערנען פלעגט געבן (דווקא׳ בקי׳ אדרבא׳ פשיטא א׳ אַ׳); ג) פאַר פאַרשײדענע אויסדרוקן פון טעגליכן לעבן (אַכילה׳ גדולה׳ דאגה׳ מזל׳ תכלית א׳ אַ׳)׳ און ד) פאַר געגנשטאַנדן׳ וואָס מען האָט בכיוון ניט געוואָלט אָנרופן מיט דײַטשע ווערטער (בלבול׳ גזרה׳ משומד אד״ג).

ב׳ באָראָכאָוו האָט אין זײַן אַרטיקל «צו די אויפגאַבן פון דער יידישער פילאָלאָגיע» (פנקס I׳ ז׳ 10) געפּרובט געבן אַן אַנדער פאָרמול: «די ער־שײַנונגען׳ וואָס זײנען אויסגעוואַקסן אויפן באָדן פונם אינעווײניגסטן יידישן לעבן׳ ווערן אויסגעדריקט על פּי רוב אין העברעאיש». נאָר דאָ

מוז ער באַלד נעמען צו־הילף א באַמערקונג, אַז «געוויס׳ זיינען פאַראַן פיל און וויכטיגע אויסנאַמען»; און צונצעס קאַטעגאָריע, וואָס מיר האָבן געבראַכט אונטער ד׳ קומט אים נאָך אויך אויס צו באַהאַנדלען באַזונדער.

אַן אַרבעט וועגן דעם ענין, וואָס זאָל אויסשעפּן די טעמע, וועט מוזן אַרומנעמען ניט נאָר די העברעאישע ווערטער, נאָר אויך די העברע־אישע סופיקסן און בכלל די העברעאישע עלעמענטן פון דער גראַמאַטיק. ביז איצטער איז שווער געווען זיך צו ריכטן אויף אַזאַ מין טיפער אויס־פאָרשטונג, וואָרים ס׳האָבן נאָך געפעלט די געהעריגע פאָראַרבעטן; נאָר איצטער, רעכן איך, לאָזט זיך שוין די אויפגאַבע שטעלן, וואָרים זי לאָזט זיך שוין פאַרענטפערן.

21. דער לעקסיקאַלישער אייַנטייל פון העברעאיש אין דער יידי־שער שפּראַך לאָזט זיך שוין פעסטשטעלן לויט יהואָש־ספּיוואַקס «אידיש ווערטערבוך», ניו־יאָרק 1911 (באָראָכאָוו .No 343), און פאַר דעם גראַמאַטישן טייל האָבן מיר שוין איצטער ד״ר שלמה בירנבוימס עטיוד: Das hebräisch-aramäische Element in der jiddischen Sprache (פאַרלאַג גוסטאַוו ענגעל, לייַפּציג 1922). בירנבוים שטעלט זיך דאָ ניט פאַר קיין ציל צו געבן היסטאָריש־פּסיכאָלאָגישע אויספירן, און דעריבער טאָר מען צו אים ניט קומען מיט קיין טענות, פאַרוואָס ער האָט זיי ניט געגעבן. דאָס וואָס עס איז יאָ דאָ: פאָנעטיק, מאָרפאָלאָגיע א. אַז. וו., נעמט אַרום אַלע פּרקים פון דער גראַמאַטיק און רעגיסטרירט געטריי אַלע פאַקטן. ס׳איז בעצם א צווייטער טייל צו גערצאָגנען (מערניט מיט א סך א גרעסערער בקיאות): יענער האָט צונויפגענומען די דייַטשע עלע־מענטן, בירנבוים די העברעאיש־אַראַמישע.

ווען מיר זאָלן נאָך באַקומען א מאָנאָגראַפיע וועגן די סלאַווישע עלע־מענטן, וואָלט יעמאָלט א סך גרינגער געווען דער וועג פאַר א סינטעטי־שער גראַמאַטיק פון יידיש. אָט די אייַנהייטליכע גראַמאַטיק וועט ווייַזן דאָס, וואָס מען זעהט שוין אַרויס אי פון גערצאָגס, אי פון בירנבוימס אַרבעט: אַז די דייַטשע, העברעאישע און סלאַווישע עלעמענטן זיינען צו פעסט צונויפגעוואַקסן, אַז מען זאָל זיי גאָר קאָנען אָפּטיילן איינס פונם צווייטן.

געוויינטליך, אָן אַנאַטאָם קאָן באַשרייַבן ספּעציעל די האַנט און דעם

פוס׳ א גראַמאַטיקער קאָן אָנשרײַבן א חיבור וועגן דעם פּאַרטיציפּ פון דער פאַרגאַנגענהייט אָדער וועגן די הויפּטווערטער׳ וואָס ענדיגן זיך אין פּלוראַל אויף ־ן׳ אָבער פּונקט ווי די האַנט בלײַבט א טייל פונם אָרגאַניזם׳ פּונקט ווי דער פּאַרטיציפּ פון פאַרגאַנגענהייט איז אויסגעבונדן מיט אַלע אַנדערע פאָרמען פונם צײַטוואָרט׳ אַזוי זײַנען פאַרקניפּט און פאַרבונדן צווישן זיך די דרײַ טײלן פון יידיש׳ וואָס וואַקסן פון פאַרשיידענע מקורים· אַמאָל קאָן זײַן נוציג צוליב וועלכן עס איז טעם צו צעגלידערן יידיש אויף חיבור־צאָלן; אָבער גראָד ווען מען טוט דאָס׳ צײַגט מען זיך איבער׳ אַז דײַטש + העברעאיש + סלאַוויש איז נאָך ניט גלײַך יידיש׳ אַז דער סוד שטעקט אין דעם׳ ווי אַזוי די קאָמבינאַציע איז געמאַכט געוואָרן און ווי אַזוי די איינציגע טײלן האָבן זיך באַהאָפטן·[1])

22· אין «השלח» פאַר 1914 האָט זיך געדרוקט אַן אַרבעט פון י· ח· טאַוויאָוון «היסודות הסלאבים בז׳רגון»· ליידער איז מיר ניט אויסגעקומען צו זעהן דעם מאמר· נאָר איך מוז זאָגן׳ אַז קיין גרויס צוטרוי צו אים האָב איך ניט׳ נאָכדעם ווי איך קען טאַוויאָווס מחיהדיגע הקדמה צו אלעזר שולמאַנס ליטעראַטורגעשיכטע (זעה ז׳ 141) און זײַן אַרטיקל׳ וואָס האָט זיך אַמאָל געדרוקט אין די חודשדיגע צוגאָבן צום «הזמן» [באָראָכאָוו .No 376]· אין יענעם אַרטיקל («היסודות העברים בז׳רגון») זײַנען געוועזן א סך בײַשפּילן און אײַנפאַלן׳ נאָר דער שענסטער אײַנפאַל איז פאָרט געוועזן דעם מחברס פּלאַן: היות אין יידיש זײַנען פאַראַן א סך העברעאישע עלעמענטן׳ דאַרף מען דאגהענען׳ אַז די צאָל זייערע זאָל וואָס מער פאַרגרעסערט ווערן׳ וועט מען זיך יעמאָלט צוביסלעך דערשלאָגן׳ אַז יידן זאָלן אינגאַנצן אָנהייבן ריידן העברעאיש·

ס׳איז ממש ניט צו פאַרשטיין׳ פאַרוואָס דאָס יידישע פאָלק האָט ניט אָנגענומען אַזאַ טײַערן פּראָיעקט·

## ד
### ווערטערביכער

23· מיט די אַנדערע טײלן פון דער גראַמאַטיק קאָנען מיר זיך אָפּפאַרטיגן בקיצור· וועגן יידישער וואָרטבילדונג האָבן מיר גאָרנישט׳

[1]) אַן אַרבעט וועגן די פונקציעס פון די העברעאישע עלעמענטן אין יידיש האָט פאַרענדיגט נ· שטיף (פּריוואַטע מיטטיילונג)·

וועגן סינטאַקסיס — כמעט ווי גאָרנישט. (מ. ווייַנגערס «יודישער סינטאַקסיס» [וואַרשע 1913] איז ניט מער ווי אַן ערשטער פּרוב). פאַר־צייכענען דאַרף מען די סינטאַקטישע קאַפּיטלען בײַ גערצאָגען (ז' 57—82) און אין ש. בירנבוימס גראַמאַטיק (ז' 57—70). אינטערע־סאַנט איז אויך ח. טשעמערינסקיס עטיוד וועגן «מענדעלעס סינטאַקסיס», וואָס איז אַמאָל געווען געדרוקט אין א זאַמלבוך, וואָס דער «פריינד» האָט אַרויסגעלאָזן לכבוד מענדעלעס יובילעאום. ס'וואָלט כדאי געווען אָפּצוראַטעווען דעם אַרטיקל, אַרויסגעבנדיג אים פונדאָסניי.

24. מיר האַלטן בײַ די ווערטערביכער. מיר פאַרמאָגן עטליכע ווערטערביכער, נאָר קיין ווערטערבוך האָבן מיר נאָך ניט. און ווער ווייס, ווען מיר וועלן זוכה זײַן דאָס צו האָבן: גרימס «דויטשעס ווערטערבוך» מאַכט מען שוין צעהנדליגער יאָרן, און ס'איז נאָך אַלץ ניט פאַרענדיגט; דער רוסישער אַקאַדעמישער לעקסיקאָן איז, דוכט זיך, אויך ניט דערפירט געוואָרן ביזן סוף. ווען מיר זאָלן שוין אַפילו האָבן דעם גאַנצן מאַטעריאַל, וואָלט אויך געווען אוממיגליך אים אָפּצודרוקן בײַ הײַנטיגע צײַטן.

דאָס יידישע וויסנשאַפטליכע ווערטערבוך, וואָס זאָל באמת ווערט זײַן דעם נאָמען, דאַרף ארומנעמען אַלע אוצרות פון דער יידישער שפּראַך. אַלץ, וואָס עס איז פאַררעגיסטרירט אין דער ליטעראַטור; אַלץ, וואָס עס קלינגט פון שוואַרצן ים ביזן באַלטישן און פון אַטלאַנטיק ביזן פּאַסיפיק אין מויל פון פאָלק; אַלץ, וואָס עס ליגט באַהאַלטן אין דער עלטערער ליטעראַטור אונזערער און וואָלט נאָך געקאָנט באַפרוכפּערן אונזער מאָדערנע שפּראַך. אַן אויפגאַבע ניט אויף א יאָר־צוויי און ניט פאַר א יחיד; און די אינסטיטוציע, וואָס זאָל דאָס נעמען אויף זיך, האָבן מיר נאָך אויך ניט. וועלן מיר זיך נאָך א היפּשע ווײַלע מוזן באַנוגענען מיט האלבע אַרבעטן, וואָס קומען צו גיין מיט מער עניוות. אַזוינע טייליגע זאַמלונגען קאָנען אויך האָבן א גרויסע ווערדע. א האָפענונג, אַז עס וועט אַמאָל פאַרטיג ווערן «דער אוצר פון דער יידישער שפּראַך», וועלכן עס גרייט צו ז. קאַלמאַנאָוויטש; א נישקשהדיגער טייל פון דער אַרבעט זאָל שוין זײַן אָפּגעטון.

25· יהואש־ספּיוואַקס «אידיש ווערטערבוך» האָבן מיר שוין דער־מאָנט (ז׳ 23); ס׳האָט א ספּעציעלן ציל, און דעם ציל דערגרייכט דאָס פּיל־וויניג· א חסרון איז נאָר, וואָס א סך ווערטער זיינען ניט פאַרטײַטשט, נאָר פאַרדײַטשט: אָנשטאָט דעם העברעאישן אויסדרוק שטייט א דײַטשער, אפילו אויב ער ווערט אין יידיש ניט גענוצט· ש· בירנבוימס ווערטער־ביכל (ביי דער גראַמאַטיק) איז זייער קליין, נאָר אַמאָל איז גאַנץ נוציג אריינצוקוקן· מיט עטליכע ווערטערביכער האָט אונז מזכה געווען די צײַט פון דער דײַטשער אָקופּאַציע· פון זיי איז דאָס חשובסטע פּראָפעסאָר הערמאַן שטראַק׳ס «Jüdisches Wörterbuch», אַן ערנסטע אַרבעט, וואָס עס שטעקט אין איר א סך מי· געוויינטליך, עס שפּירט זיך זייער שטאַרק, אַז דער מחבר רעדט ניט קיין יידיש: איז ער צוגעשמידט צו די טעקסטן און ער קען ניט פּסקענען פון פאַל צו פאַל, צי איז דאָס טאַקע א יידיש וואָרט אָדער ריין צופעליג אַרײַנגעפאַלן אין דעם טעקסט, וואָס ער האָט אונטער דער האַנט· אין «יידישן» ווערטערבוך שטייען דערפאַר אַזעלכע ווערטער ווי: אַבטיחים (פאַרטײַטשט «מעלאָנען»), אָדוק («פּאַ־נאַטיקער»), אָטסטאַוווקע («אַבשיעד»), אָטדיך («ערהאָלונג»), דענגי («געלד»)· אַנדערע ווערטער זיינען אויסגעטײַטשט ניט ריכטיג, מסתמא ווײַל דער קאָנטעקסט איז געווען ניט קלאָר; און דער הויפּט־חסרון איז, וואָס די אויסשפּראַך פון די העברעאישע ווערטער איז אָנגעוויזן לויט דער «האַוואַראַ האַספאַרדיט»· פונדעסטוועגן איז אָפטמאָל ממש נשתומם צו ווערן, וויפיל ווערטער פּראָפ׳ שטראַק האָט אַרײַנגענומען אין זײַן ווערק· ס׳איז אַן אמתער דענקמאָל פון דער התמָדה פון א דײַטשן פּראָפעסאָר·

דאָס «זיבן־שפּראַכן־ווערטערבוך», אַרויסגעגעבן פון דער דײַטשער אַרמעאישער הנהָגה אייבער־אָסט, האָט ניט קיין שום האַפּט· אויף גיך צונויפגעשלעפּטער מאַטעריאַל, אָהן שום קריטישער באַציאונג· פאַר די אינעווייניגסטע באַדערפעענישן פון דער מיליטערישער אַדמיניסטראַציע האָט דאָס אפשר געקלעקט; דרוקן האָט דאָס געלוינט סײַדן אויף צו שטעלן א מצֵבה דעם אייבער־אָסט· (פונדעסטוועגן זיינען דאָרטן פאַרצייכנט א פּאָר גוטע נעאָלאָגיזמען; למשל, «טונקשיף» אָנשטאָט דעם אומגעלומ־פערטן «אונטערוואַסערשיפל»)·

בעסער איז ק. שולצ׳עס ווערטערבוך, אַרויסגעגאַנגען אין דער צײַט פון די דײַטשן אין וואַרשע. דאָ ווערן אויך די יידישע וואָקאַבולן איבערגעזעצט אויף דײַטש.

26. דרייזינס «Полный русско-новоеврейскій словарь» ברענגט, קאַנטיג, א פראַקטישן נוץ, ווײַבאַלד ס׳איז אַרויס 1913 שוין די 5טע אויפלאַגע (1טע אויפלאַגע 1886). מען קאָן דאָרטן טאַקע געפינען אַמאָל גאַנץ גוטע ווערטער, כאָטש אָפט העלפט זיך דער מחבר גאָר אויף א גרינגן שטייגער; ווען ער ווייס ניט, ווי אַזוי איבערצוזעצן, שרײַבט ער: «א מין חיה», «א מין פויגל».

וועגן א. האַרקאַווי׳ס גרויסע ווערטערביכער (ענגליש-יידיש און יידיש-ענגליש) דאַרף מען קיין סך ניט ריידן; זיי זיינען זייער שוואַך פאַר דעם, וואָס זוכט יידישע ווערטער. אמת, דיביידע ביכער זיינען צו־נויפגעשטעלט געוואָרן אין א צײַט, ווען מען האָט נאָך אויף יידיש ניט אַזוי שטאַרק מקפיד געווען (1891 און 1898). נאָר ערשטנס זיינען שפּעטער אַרויס נײַע אויפלאַגעס, און צווייטנס האָט האַרקאַווי, איינער פון די פּיאָנערן פון קאַמף פאַר דער אָנערקענונג פון יידיש, ניט געטאָרט פאַרגעסן, אַז יידיש האָט זיך זײַן אייגענעם נוסח. האַרקאַווי האָט אָבער אויף דעם ניט געקוקט און, ווי ער דערציילט אַליין, «זיך געווענדעט צו דיא לעקסיקאָנען פון דיא גערמאַנישע, סלאַווישע און סעמיטישע שפּראַכען, און האָט פון זיי הערויסגעצויגען יענע ווערטער, וועלכע ווערען אין איהר [אין דער יידישער שפּראַך] בענוצט». חוץ דעם האָט ער נאָך פאַרצייכנט אייגענע יידישע ווערטער — נאָר מישטיינס געזאָגט, וואָס עס האָט געקאָנט אַרויסקומען פון אַזאַ מין נישטערן איבער די רוסישע, דייטשע און העברעאישע לעקסיקאָנען.

28. דוד הורוויצ׳עס «ספר המלים וש־אַרגאָני־עברי יודישער לשון־קדשער ווערטער־בוך» (3טע אויפלאַגע אָדעס 1903) שטעלט זיך פאַר א ציל אויסצוגעפינען געגויע העברעאישע טײַטשן פאַר אַלע ווערטער פון דעד לעבעדיגער שפּראַך. עס טוט אים וויי, זאָגט דער מחבר, וואָס עס גייט שוין פערציג יאָר א שָׂפה־ברורה־באַוועגונג, און נאָך האָט זיך קיינער ניט אונטערגענומען אָפּצוטון אַזאַ מין נייטיגע זאַך. מען ווייס ניט, ווי אַזוי הייסט אויף העברעאיש סאָדע, סאָלאָמיאַק, סעליטרע,

באָרשטש, באָנדער, טאָקער. אָט וועגן דעם דאגהעט הורוויץ; דער יידישער טייל פון ווערטערבוך אינטערעסירט אים א סך ווייניגער. פאַר אונז זיינען גראָד וויכטיג זײַנע יידישע ווערטער. הורוויץ איז א ייד פון קיעווער גובערניע, און די ליטעראַטור האָט אויף אים ניט אַזוי שטאַרק משפיע געווען; גיט ער אָפטמאָל, ווי ער זאָל זיך ניט פלײַסן צו זײַן דײַטשמעריש, גוטע אוקראַאינישע דיאַלעקט־ווערטער. ער פאַרצייכנט, למשל, אַזעלכע שיינע ווערטער, ווי: מילכנער־פיש, טריף (=טריפוואַקס), ענעס («מאָדערן»): אַניס, א מין געוויקס), פּאָרשטן (די איינציג־ריכטיגע יידישע פאָרם), פיקהאָלץ (דער פויגל), קערמע (רודער), שאַרן (רודערן). הייסט עס, גוטער מאַטעריאַל. אָבער געוואָרנט דאַרף מען זײַן! אינמיטן דערינען גיבן זיך א לאָז אַרײַן אַזעלכע «יידישע» ווערטער, ווי: טאָטשקע, טאָלפּאַ, טאָפּרישטשע (הענטל פון א האַק) אָדער «מאָפּס — זעה באָלוואַן».

אַרום און אַרום: א בוך, וואָס קאָן קומען צו־נוץ, ווען מען ווייס ווי זיך צו באַגיין דערמיט.

29. גאָר פון אַן אַנדער טייג געקנאָטן זיינען י. מ. ליפשיצ׳ עסביידע ווערטערביכער: רוסיש־יידיש און יידיש־רוסיש (זשיטאָמיר, 1874 און 1876). יהושע מרדכי ליפשיץ וואָלט פאַרדינט א גוטע, בפּרטיותדיגע ביאָגראַפיע, און אין זײַן היים־שטאָט באַרדיטשעוו, וואו ער האָט אָפּגעלעבט זײַנע יאָרן, איז מסתמא גאָרניט אַזוי שווער צונויפצוקלײַבן דעם נייטיגן מאַטעריאַל. דאָס וואָלט געווען ניט נאָר אַן אַקט פון פּיעטעט אַנטקעגן א מענטשן א האָרעפּאַשניק, וואָס האָט געטון זײַן אומדאַנקבאַרע אַרבעט מיט אַן אמתער מסירת־נפש, נאָר אַזאַ מין ביאָגראַפיע וואָלט אויך געווען צושטייער צו דער געשיכטע פון אונזערע געזעלשאַפטליכע באַוועגונגען. ליפשיץ איז געווען א פּיאָנער פון דעם קאַמף פאַר דער אָנערקענונג פון יידיש. ער האָט אויך אין «קול־מבשר» געדרוקט עטליכע אַרטיקלען וועגן דעם ענין; נאָר אין זײַן «יודעש־רוסישן ווערטער ביך» גייט ער אַרויס אָפן מיט דער שפּראַך און ער רעכנט זיך אָפּ מיט אַלע זײַנע «סטיגאָטערס» (געגנער) אויף זיין יאָדערדיגן באַרדיטשעווער לשון:[1])

«פרעגט מען מיך, באשר: צו וואָס טויג יידיש־רוסישע ווערטערביכער, אַז

[1]) איך שרײַב דאָס איבער מיט אונזער אָרטאָגראַפיע, כדי צו פאַרגרינגערן די מי דעם זעצער און דעם לעזער. וועגן ליפשיצעס אויסלייג זעה רייזען I, §§ 55—66.

יידן האָבן גאָר קיין ליטעראַטור? דער דאָזיגער אָפּפרעגער ווײַזט שוין אויס צו זײַן ניט קיין תּם, נאָר א חכם פון דער מה־נשתּנה. ער ווײַזט שוין אויס צו זײַן אַזאַ געבילדעטער, וואָס איז אַזוי פאַרגלייבט אין ליטעראַטור, ווי «די געבילדעטע קעכנע», וואָס אַז מען שמועסט מיט איר מכּוח קאָכן וואַרעמעס, ענטפערט זי פון ליטעראַטור. ביי אים, מײַן מקשן, מוז א וואָרט אַנדערש קיין ווערט ניט האָבן סײַדן אַז עס איז געדרוקט. איבעריגנס האָט זיך די יידישע שפּראַך אָהן עין־הרע, קיין בייז אויג, אויך עפּעס א ליטעראַטור הן אין אייגענע און הן אין איבערגעזעצטע. אַאַאַי וואָס?! זי טויג אויף כּפּרות? מילא, ווער־זשע איז שולדיג, אַז די יידישע שרײַבער באַשטייען פון גראָבע יונגען, אָדער פון מאַרשעליקעס, אָדער פון אַזעלכע, וואָס האָבן זיך קאַליע געמאַכט דעם מאָגן מיט דעם פאַרשימלטן העברעאיש (אונטער «העברעאיש» פאַרשטיי איך דאָ די דאָזיגע העברעאישע ליטעראַטור, וואָס די מחברים ווילן מחיה־מתים זיין, דאָס הייסט זיי ווילן די טויטע שפּראַך לעבעדיג מאַכן). ווער־זשע איז שולדיג, אַז זיי מיינען, אַז דער צוועק פון שרײַבן איז אַבי מען זאָל הייסן שרײַבער; אַז זיי מיינען, אַז מען טאָר ניט נאָר שרײַבן וואָס מען דענקט, נאָר אַפילו ניט ווי אַזוי מען דענקט; אַז זיי ווילן ניט פאַרדינען, נאָר אויסנאַרן געלט; אַז אַפילו עס געפינען זיך שוין יאָ אַמאָל א פּאָר יידן, וואָס וואָלטן געקענט און געהאַט וואָס צו שרײַבן פון יידנס וועגן, שטופּן זיי זיך גאָר אין די הויכע פענצטער אַרײַן און שרײַבן ליבער אין מאָדערנע, אייראָפּעישע שפּראַכן, וואָס דאָרט זעהען זיי זיך אָן ווי א טראָפּן אין ים. קורץ פון דער זאַך! ניט דער פידעל איז שולדיג, נאָר דער קלעזמער.

«איך ווייס, אַז עס וועט די העברעער שטאַרק פאַרדריסן וואָס איך בין אַזוי אָנגעפאַלן אויף זייער העברעאיש; ערשטנס דערפאַר, וואָס עס הייסט גלאַט לשון־קודש און צווייטנס ווייל איך, אַלס ייד, קען מיך אַליין אין מײַן שפּראַך אויך ניט באַגיין אָהן לשון־קודש־ווערטער. די ערשטע שאלה לאָז זיי גאָט פאַרענטפערן, נאָר די אַנדערע וועל איך פאַרענטפערן. מען ווייסט, אַז למשל אין רוסישן איז דאָ (חוץ העברעאישע, דײַטשישע, פראַנ־צייזישע וכדומה) א סך סלאַוויאַנישע, גרעקישע, טאָטערשע און לאַטײַנישע ווערטער. פונדעסטוועגן זענען ניט נאָר דאָ א סך רוסן, וואָס ס׳שמעקט זיי גאָרניט דער היינטיגער קלאַסיציזם, נאָר וועלכן רוס איר וועט שרײַבן

למשל א סלאַוויאַנישן פּראַקטישן בריוו אָדער בוך׳ וועט ער בטלען צו נ׳אײַך בייזע חלומות· נו איז מיט דעם לשון־קודש אויך אַזוי· אין שול מעגט איר רעדן מיט גאָט׳ מיט די מלאָכים אויף לשון־קודש; אָבער אינם פּראַקטישן לעבן׳ צו פּראַקטישע יידן האָט איר קיין שום פּראָווע ניט צו רעדן אדער צו שרײַבן העברעאיש׳ ווען איר מיינט נאָר מיט זיי ערנצט און ווילט זיי באַהאַנדלען ווי אָרנטליכע מענטשן· שוין כלעבן צײַט׳ איר זאָלט אויסטון די קינדערשע שיכלעך און זאָלט פאַרשטיין וואָס איר האָט צו טון·»

אָט אַזוי איז מיט פופציג יאָר צוריק׳ כאָטש פאָרמולירט אָהן שום «איזמען»׳ אַרויסגעזאָגט געוואָרן דער תּמצית פון אונזער הײַנטיקער קולטורבאַוועגונג· און ווען אַזאַ מין ליבשאַפט צו יידיש האָט זיך צונויפגעפּאָרט מיט א זעלטענעם פילאָלאָגישן טאַלענט׳ האָט געמוזט אַרויסקומען א רעזולטאַט׳ וואָס מעג זיך נאָך הײַנט באַווייזן פאַר לײַטן·

30· געוויינטליך׳ ביי פעלערן קאָן מען כאַפּן ליפשיצן אויך; אָבער מען קאָן זאָגן אָהן גוזמא: אין די פעלערן איז שולדיג די צײַט׳ די מעלות נעמען זיך פון אים אַליין· ער האָט אַן אייגענע סיסטעם פון באַצייכענען די אויסשפּראַך; ער ברענגט א געוואַלד ווערטער׳ וואָס מען ניצט זיי נאָר אין וואָלין אָדער פּאָדאָליע און זיי זיינען אונז אַלעמען נייטיג ווי אין לעבן; אַלע פרעמדווערטער און לײַווערטער גיט ער איבער פונקט אַזוי ווי זיי ווערן אַרויסגערעדט· נח פרילוצקי איז גערעכט׳ אַז ליפשיץ האָט כמעט ווי אויסגעשעפּט דאָס דרום־רוסלענדער יידיש· אָהן ליפשיצעס ווערטערביכער קאָן זיך הײַנט ניט רירן פון אָרט קיין איינער׳ וואָס וויל שטודירן די יידישע שפּראַך אין אַלגעמיין אָדער אירע איינציגע דיאַלעקטן·

## ה

### ליטעראַרישע שפּראַך און דיאַלעקטן

31· דאָס ווייס איטליכער׳ אַז די אמתע׳ רעאַלע שפּראַך זיינען טאַקע די דיאַלעקטן· דאָס ליטעראַרישע לשון איז ביי אלע פעלקער׳ און ביי אונז אויך דאָס אייגענע׳ מערניט אַן אַבסטראַקציע· אין איר גיסן זיך צונויף עלעמענטן פון פאַרשיידענע דיאַלעקטן׳ און עס איז שווער צו געפינען א

מענטשן, וואָס זאָלריידן שטרענג «ליטעראַריש». ביים ריידן וועט איר באַלד דערקענען א פּראָווינציעלע פאַרבונג; די ליטעראַרישע שפּראַך איז בעצם נאָר אַן אינסטרומענט בכתב. ווען א פאָלק וואַקסט אַריבער די מדרגה פון פּראָווינציעלער אָפּגעשלאָסנקייט און הייבט זיך אָן שפּירן, ווי א נאַציאָנאַלער קיבוץ — יעמאָלט שטייט אויף אינאיינעם מיטן פאָלק די שפּראַך פון זיין ליטעראַטור. אין א געוויסער מאָס קאָן מען זאָגן, אַז זי ווערט קינסטליך באַשאַפן.

אָבער איינמאָל פאַראַן אויף דער ליכטיגער וועלט, נעמט שוין די ליטעראַרישע שפּראַך לעבן איר אייגענעם לעבן. זי הייבט שוין אָן ווירקן אויף דעם לשון פון יעדער יחיד, אַפילו אויף די מענטשן פון דער מאַסע. צייטונגסווערטער ווערן פּאָפּולער; דורכן טעאַטר, דורך די פּאַרטייען דרינגען אַריין אין פּוילישן יידיש ליטווישע ווערטער און פאַרמען, און דורך דער שיינער ליטעראַטור קומען אָן אין דער ליטע ווערטער פון פּוילן און פון אוקראַאינע. די ליטעראַרישע שפּראַך באַקומט צו־ביסלעך א שטיקל חשיבות ביים ברייטערן עולם. נאָר פאַרקערט? ווי אַזוי באַציט זיך די ליטעראַרישע שפּראַך צו די דיאַלעקטן?

32. קוקן מיר זיך איין אין לעבן פון פאַרשיידענע שפּראַכן, באַמערקן מיר אומעטום דאָס אייגענע. צייטן בייטן זיך. געווען א צייט פון קלאַסיציזם, ווען די פראַנצויזישע שפּראַך האָט זיך אָפּגעצאַמט מיט א כינעזישער וואַנט פון אַלע דיאַלעקטישע, «פּראָסטע» ווערטער. און דאָס איז געווען גוט אַזוי. די דיאַלעקטן זיינען רעאַל, אָבער דאָס רעאַלע איז אָפטמאָל מגושמדיג. דער פּויער אין דאָרף און דער פּראָסטער מענטש אין שטאָט פאַרמאָגן ניט קיין אויסדרוקן פאַר געהויבענע געפילן, פאַר צאַרטע איבערלעבונגען, פאַר מאַיעסטעטישע געשעהענישן. ווען די פראַנצויזישע שפּראַך וואָלט זיך בשעתו ניט אָפּגעטיילט פון די דיאַלעקטן, ווען זי וואָלט געבליבן צוגעשמידט צו דער ערד, וואָלט זי קיינמאָל ניט געוואָרן קיין שפּראַך פון סאַלאָנען, פון קונסט און פון וויסנשאַפט. אָבער דערנאָך איז געקומען די רעאַקציע. די ליטעראַטן האָבן זיך אַרומגעזעהן, אַז זיי האָבן זייער א שיינעם לשון, נאָר דאָס לשון איז טויט. זיי קאָנען בויען מי יודע ווי שיינע מליצות, נאָר זיי זיינען ניט אימשטאַנד צו ריידן וועגן רעאַלע, פּשוטע זאַכן. האָט מען זיך א לאָז געטון צוריק. די מאָדערנע

פראַנצויזישע ליטעראַטור איז פּאַק און פול מיט דיאַלעקטישע ווערטער און אויסדרוקן, מענטשן, וואָס האָבן זיך געלערנט פראַנצויז מיט א יאָר 40—50 צוריק, קלאָגן זיך, אַז זיי קאָנען גאָר הײַנט קיין פראַנצויזישן בוך ניט לייענען.

33. אַזוי איז אויך אין דער אַנטוויקלונג פון דײַטש און פון רוסיש. אומעטום האָט מען זיך א קער געטון צוריק צום מקור פון שפראַך־לעבן, צו די דיאַלעקטן. און כאָטש אונזער ליטעראַטור האָט נאָך ניט באַוויזן איבערצולעבן אַזעלכע בליאונגס־תּקופות, דוכט זיך מיר אויס, אַז פאַר אונז איז אויך געקומען די צײַט אַרומצוקוקן זיך אויף די דיאַלעקטן. ניט כּדי אַרויסצושטופּן די ליטעראַרישע שפּראַך, נאָר כּדי זי צו באַרײַכערן. מיר דאַרפן אַרײַנפירן אין דער ליטעראַטור (און אין דער לעבעדיגער שפּראַך פון אונזער אינטעליגענץ) דאָס גאַנצע אייגנס, וואָס מיר האָבן בכל תּפוצות ישראל: אַניט וועט אונזער שפּראַך אינגיכן מגולגל ווערן אין א פלאַכן, לעבליכן פּובליציסטישן קוואַטש, אָהן טעם און אָהן פאַרב, אָהן לײַב און לעבן. אָהן די מעלות פון דער פראַנצויזישער קלאַסישער שפּראַך, נאָר מיט אַלע אירע חסרונות.

34. און פּונקט ווי מיר דאַרפן אויפהיטן און מפרסם זײַן ווערטער, אַזוי איז אויך מיט פּאָרמען און קלאַנגען. «איך האָב שוין געוועסט גע־נומען», «איך וואָלט געווען גענומען», «דאָס בוך» זאָגט מען ווײַט ניט אין גאַנצן יידישן שפּראַך־געביט; נאָר שרײַבן שרײַבט מען דאָס אומעטום, און פון דעם ווערט די שפּראַך רײַכער, בייגעוודיגער. «גלייבן» און «גלויבן» זאָגט מען אין פוילן; דאָס ערשטע איז א צייטוואָרט, דאָס צווייטע א הויפּטוואָרט. איך מיין, אַז אַזאַ מין דיפערענץ מעג מען ראַטעווען; ס׳איז א געווינס פאַר דער שפּראַך. «ברייט» און «ברויט» זיינען צוויי פאַרשיידענע זאַכן, און איך פריי זיך אויף איטליכן מינסקער, וואָס לערנט זיך אויס אונטערצושיידן צווישן די צוויי דיפטאָנגען. מיט קיין שום דעקרעטן פון קיין שום אַקאַדעמיעס קאָן מען דאָ ניט העלפן, נאָר פאַראַן זאַכן, וואָס האַלטן אָפּ א נצחון איינע אליין, פון זיך.

35. וואָס איז ביי אונז פאַראַן געשריבנס וועגן די דיאַלעקטן אונזערע? כמעט ווי גאָרנישט. מיר האָבן נאָך אַפילו ניט קיין פּראָגראַם, ווי אַזוי צו קלײַבן דיאַלעקטישע מאַטעריאַלן, אָן ערך אויף דעם שטייגער, ווי

פּראָפ׳ קאַרסקי האָט נאָך אין 1897 אַרויסגעלאָזן פאַר ווײַסרוסיש.[1] אַזאַ מין ביכל פאַרענטפערט ניט קיין קשיות, נאָר עס גיט פונדעסטוועגן אַן אָנווייז, און ווען מיר זאָלן האָבן אַזאַ האַנטביכל, וואָלטן געוויס א סך לערער און אַנדערע פאָלקסטוער, ניט דווקא פילאָלאָגן־ספּעציאַליסטן, פאַראינטערעסירט זיך מיט דער ארבעט. הײַנט ווייס מען נאָך גאָרניט וועגן א סך דיאַלעקטישע אונטערשיידן. איינער א יידישער שרײַבער, און גראָד אַזוינער, וואָס קאָן אויסגעצייכנט די שפּראַך, האָט מיר ניט געוואָלט גלייבן, אַז עס זענען פאַראַן געגנדן, וואו מען זאָגט: «מען שלאָגט זי» און ניט «מען שלאָגט איר». א פּשיטא ווייס מען שוין קיין זאַך ניט וועגן דיאַלעקטישע גרעניצן. א שטייגער, ווי ווײַט גייט די טעריטאָריע, וואו מען זאָגט tote אָנשטאָט tate? וואו נאָך, אַחוץ באַרדיטשעוו, זאָגט מען ile אָנשטאָט ale (אַלע)?

און שוין גאָר אַן עלעמענטארע פראַגע: וואו ציט זיך דער גרעניץ צווישן zogn און zugn, צווישן buch און bich? אויף אַזעלכע פראַגן דאַרף געבן אַן ענטפער א דיאַלעקטישער אַטלאַס. די דײַטשן האָבן זיך געשאַפן אַזאַ אַטלאַס. פון 1876 ביז 1888 האָט מען פונאַנדערגעשיקט העכער 40 טויזנט פראַגע־בויגנס, און ביז הײַנט באַאַרבעט מען דאָס. העכער טויזנט גרויסע קאַרטעס זײַנען שוין פאַרטיג. פאַר אונז איז דאָס נאָך דערווײַלע אַ טרוים, און צו אַזעלכע בדיוקדיגע פאָרשונגען וועלן מיר מסתמא גאָרניט זוכה זײַן. אָבער טון אין דעם מוז מען אומבאַדינגט, וואָרים די דיאַלעקטאָלאָגיע איז, ווי מיר האָבן געזעהן, א לעבעדיגע אַרבעט פאַר דער לעבעדיגער שפּראַך. וועגן איר באַטײַט פאַר דער געשיכטע פון דער שפּראַך איז שוין אָפּגערעדט.

36. ווען מיר גיבן א קוק אויף ש. אײַזענשטאַטס אויבנאויפיגן מאמר: «די גרעניצן פון דער יודישער שפּראַך און איהרע אויסשפּראַכען» («ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטען» IV, 1908), זעהט מען תיכף, ווי פיל מיר האָבן צו פאַרדאַנקען נח פרילוצקין. ווען מיר זאָלן אַראָפּרעכענען אַלפרעד לאַנדויס אַרבעט וועגן דימינוטיוו (וואָס איז שייך מער צו דער

[1] Программы для собиранія особенностей народныхъ говоровъ. Изданіе отдѣленія русскаго языка и словесности императорской академіи наукъ. Санктпетербургъ 1897. — Ш. Е. Ѳ. Карскій, Программа для собиранія особенностей бѣлорусскаго нарѣчія.

געשיכטע פון יידיש, זעה ז׳ 47) און עטליכע אַרטיקלען וועגן יידיש אין עלזאַס [באָראָכאָוו, .No 347—350], זיינען פרילוצקיס אַרבעטן די איינציגע וואָס מען קאָן אָנרופן, מען מעג זאָגן, אַז ער האָט דער ערשטער אַוועקגעשטעלט די פּראָבלעם פון די יידישע דיאַלעקטן. פריער אין זיינע 2 בענד «פאָלקסלידער», וואו ער האָט זיך כאָטש געפּלייסט צו בלייבן געטריי דער אויסשפּראַך (להיפּוך צו גינזבורג־מאַרעק׳ס «ליטעראַריש»־עם־האַרצישער טראַנסקריפּציע), דערנאָך אין זיינע צוויי בענד «זאַמלביכער» און ענדליך אין זיינע «דיאַלעקטאָלאָגישע פאָרשונגען», פון וועלכע מיר האָבן ביז איצטער: 1. דער יידישער קאָנסאָנאַנטיזם (ערשטע העלפט); 2. דיאַלעקטאָלאָגישע פּאַראַלעלען און באַמערקונגען (עטיודען וועגן יידישען וואָקאַליזם); 3. צום יידישען וואָקאַליזם.[1]

37. אין דעם ערשטן פון די דריי ווערק רעדט נאָך פּרילוצקי איבער־הויפּט וועגן די פּויליש־יידישע אונטער־דיאַלעקטן; אין די ווייטערדיגע צוויי ביכער נעמט ער שוין אַריין אין קאָן די אַנדערע יידישע געגנדן אויך. און אוטעטום טוט ער אויף א נייס: ער זוכט דעם צד־השוה צווישן היינטיגע יידישע ריידענישן און אַלט־יידישע ליטעראַרישע מאָנומענטן; אָפּטמאָל ווייזן זיך דערביי אַרויס זייער טשיקאַווע פאַקטן פון דער שפּראַך־געשיכטע. אין «וואָקאַליזם», קאַפּ׳ IV, למשל, ווייזט פּ׳ אויף, און ער איז גערעכט, אַז «ĭ־מונדאַרטן» (libm = לעבן, špiter = שפּעטער א. אַז. וו.) זיינען אַן אַלטע ערשיינונג אין יידיש נאָך אין דייטשלאַנד, און ניט, ווי ז. רייזען איז משער (I, 81), א ווירקונג פון אוקראַאיניש (רוס׳ мѣсяцъ: אוקר׳ мiсяц). אין די «פּאַראַלעלען און באַמערקונגען» איז שוין פאַראַן א פּרוב צו קלאַסיפיצירן די יידישע ריידענישן. לויט דער פאַרשיידענער אויסשפּראַך פון «וי» אין פאַרשיידענע ווערטער («טויב», דער פויגל — אַנטקעגן «טויב», דער וואָס הערט ניט) שטעלט פּרילוצקי אויף א טאַבעלע פון 4 דרום־רוסלענדישע אונטערדיאַלעקטן, 6 ליטווישע א. אַז. וו. דאָס אייגענע אויך בנוגע אַנדערע קלאַנגען.

38. פאַרצייכנט דאַרף אויך ווערן, אַז פּ׳ האָט געגעבן א פאַרזיכדיגע[2] אַלגעמיינע קלאַסיפיצירונג פון אַלע יידישע דיאַלעקטן. ער נעמט פאַר

[1] «ו» באַטייט ביי פּרילוצקין דעם קורצן o, וואָס בלייבט ניט־געביטן אין אַלע יידישע דיאַלעקטן.

[2] «איינגנאַרטיג» בלע״ז.

א יסוד ניט דעם o און u («טאָג»)׳ ווי מען טוט דאָס ס׳רוב (א שטייגער׳ ש׳ בירנבוים רעדט וועגן u־דיאַלעקט און o־דיאַלעקט)׳ נאָר דעם מה״ד ei (אין אַזעלכע ווערטער ווי ברייט׳ קלייד׳ הייסן)׳ פרילוצקי באַקומט דאָ 3 געשלאָסענע טעריטאָריעס׳ וואָס ציען זיך פּאַסנווײַז פון צפון אויף דרום:

1. מזרח־יידיש (ליטע׳ רוסלאַנד׳ אוקראַאינע)׳ וואו מה״ד ei גיט ej. אַלזאָ: klejd.

2. מיטל־יידיש (דער גרעסטער טייל קאָנגרעס־פּוילן און דער גרעסטער טייל גאַליציע)؛ מה״ד ei: aj. אַלזאָ: klajd (אָדער klajt).

3. מערב־יידיש (ביימען׳ מעהרן׳ אונגאַרן׳ דײַטשלאַנד)؛ מה״ד ei: ā. אַלזאָ: klād.

צי וועט זיך אויפהאַלטן די טיילונג׳ איז נאָך לע״ע ניט אינגאַנצן זיכער. א קלאַסיפיצירונג איז צוגעמאָסטן יעמאָלט׳ ווען זי איז אויפגעבויט אויף איין בולטן סימן؛ דעם באַדינג באַפרידיגט פ׳ גרופּירונג אויסגעצייכנט. אָבער פאַראַן נאָך א באַדינג: יעטווידער גרופּע דאַרף זײַן פאַראייניגט ניט נאָר דורך דעם איין סימן׳ נאָר דורך אירע וויכטיגסטע׳ עיקרדיגע סימנים. וועגן דעם לוינט זיך איצטער ניט צו שפּאַרן — ס׳איז א שפּעטערדיגע זאַך׳ וואָס מעג וואַרטן׳ ביז וואַנען די יידישע דיאַלעקטן מיט זייערע באַזונדערקייטן וועלן זײַן בעסער אויסגעפאָרשט.

39. נאָר אַנטקעגן פרילוצקיס זייער גרויסע מעלות שטייען ממשות־דיגע חסרונות. ערשטנס׳ דער אויפבוי. דער מאַטעריאַל איז צעוואָרפן׳ מען קאָן ניט געפינען אַזוי גרינג דאָס׳ וואָס מען דאַרף؛ א סך אָבסערוואַ־ציעס זיינען ניט דערפירט ביזן סוף. איך מיין׳ אַז מער ווי איין לעזער וועט מסכים זײַן מיט די ווערטער פונם מחבר (אין דער הקדמה צום «קאָנסאָנאַנטיזם»)׳ אַז «איבערהויפּט וואָלט אפשר ראַטזאַמער געווען צו אַרבעטען איבער דעם בוך אַ פּאָר יאָר לענגער׳ כדי עס זאָל ארויסקומען טעכניש פולקאָמענער».

40. ווײַטער האָב איך א טענה׳ וואָס פ׳ גיט אָפּ אין די צוויי ביכער וועגן וואָקאַליזם אַזוי פיל אָרט פאַר ביישפּילן פון דײַטשע דיאַלעקטן. בעצם איז דאָס זייער א גלײַכער געדאַנק׳ וואָרים ווען מען קוקט זיך צו צו די דײַטשע דיאַלעקטן׳ געפינט מען דאָרטן כמעט אַלע באַזונדערקייטן פון

אונזערע יידישע ריידענישן; מוז מען אויסגעפינען די שייכות און דעם גראַד פון פאַרשפרייטקייט דאָרטן און ביי אונז. נאָר פּ׳ גיט די פּאַראַלעלן, ניט איבערקלויבנדיג, צי דאָס איז נידערדײַטש, צי הויכדײַטש, ער ווײַזט קיינמאָל ניט אָן, ווי ווײַט עס גרייכט די דײַטשע טעריטאָריע, וואָס האָט דעם אָדער יענעם סימן. וויבאַלד איך ווייס דאָס ניט, העלפט מיר שוין ניט דער אָנווײַז; מחמת אויב עס זאָל זיך אויסלאָזן, אַז דער סימן איז כאַראַקטעריסטיש נאָר פאַר א קליינעם שטח און נאָך אפשר אין א געגנט, וואו יידן זיינען קיינמאָל ניט געזעסן אין א גרעסערער צאָל, דאַן איז דערפון פאַר יידיש קיין זאַך ניט געדרונגען. אין א גרויסער מאָס זיינען אין דעם שולדיג פּ׳ מקורים (רייז און ווייזע, אויף וועלכע מען קאָן זיך ניט אַלעמאָל פאַרלאָזן, איבערהויפּט אויפן ערשטן); אויב שוין זוכן דעם מאַטעריאַל, דאַרף מען אים נעמען פון דײַטשן שפּראַך־אַטלאַס דירעקט אָדער פון די באַריכטן וועגן אים, וואָס פּראָפ׳ ורעדע האָט געדרוקט אין Anzeiger für deutsches Altertum, אָנהייבנדיג פון ב׳ 18. און צוליב וואָס דאַרף מען באַשווערן דאָס בוך מיט ראיות פון אינדאָגערמאַניש, פון מערב־גערמאַניש, פון גאָטיש, פון אַלטהויכדײַטש, בשעת עס איז שוין אַבסאָלוט זיכער, אַז פאַר דער מיטלהויכדײַטשער צײַט איז אונזער יידיש געוויס ניט אויפגעקומען? קיין וויסנשאַפטליכקייט קומט ניט צו פון אַזאַ באַלאַסט.

41. און ענדליך איז א גרויסער חסרון פון פּרילוצקיס אַלע ביכער דאָס, וואָס ער שרײַבט אַזוי האַרב. צײַטנווײַז ווערט באַשאַפן אַן אײַנדרוק, אַז ער פלײַסט זיך, מען זאָל אים ניט פאַרשטיין. צו וואָס דאַרף מען שרײַבן: «אין די קוֹמפּוֹזיטיס», ניט מאַכנדיג קיין פּרוב דאָס צו פאַרטײַטשן? צו וואָס דאַרף שטיין: «דאַטיוו פון פּרונומען דעמונסטראַט׳ נעווטרי סינגולאַ־ריס» און אין אַן אָנמערקונג אונטערן טעקסט: «דאָס», בשעת מען האָט געקאָנט פּשוט זאָגן: «דאַטיוו פון ,דאָס׳»? אַזוי גייט דאָרטן כסדר. צי מיינט ניט אמאָל פּרילוצקי, אַז אַזעלכע שווער־פאַרשטענדליכע וויסנשאַפט־ליכע ווערק האָבן א גרעסערן פּאָליטיש־פּסיכאָלאָגישן באַטײַט אין פּאָליטישן קאַמף פאַר די רעכט פון דער יידישער שפּראַך (זעה קוֹנסוֹנאַנטיזם, ז׳ IX)? אויב יאָ, קומט דאָס אויס ביי מיר זייער קרום. יענע, ביי וועמען מען דאַרף אַרויסרײַסן די רעכט פון יידיש, קוקן זיך סײַ־ווי ניט אַרום אויף

אונזערע ביכער. א ווערדע האָבן יידיש־פילאָלאָגישע ביכער יאָ, אָבער ניט ביי «זיי», נאָר ביי אונז אין דערהיים, ביי אונזער אינטעליגענץ, וואָס דערשפּירט מער דרך־ארץ צו א שפּראַך, וויבאַלד זי ווערט וויסנשאַפטליך באַאַרבעט. נאָר אויב אַזוי, דאַרף מען דאָך דאגהנען, אַז די אינטעליגענץ זאָל דאָס קאָנען לייענען; אַניט וועט זיך דער אינהאַלט פון די «רייִן־וויסנשאַפטליכע» פאָרמולירונגען צוקלעפּן צו איר, ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט.[1]

ו

ליטעראַטור־געשיכטע. ביבליאָגראַפיע. טעקסט־אויסגאַבעס

42. די דײַטשן האָבן אַמאָל געהאַט א טבע אונטערצושיידן צווישן «ליטעראַר־געשיכטע» און «ליטעראַטור־געשיכטע». דאָס ערשטע האָט באַטײַט א זאַמלונג פון ביבליאָגראַפישע מאַטעריאַלן, איבערדערציילט, לשם קלאָרקייט, אין א כראָנאָלאָגישן סדר און אפשר אויך אין א צונויפגעבונדענער פאָרם; ליטעראַטור־געשיכטע איז די ווײַטערדיגע מדרגה, א שילדערונג, וואָס אַנטפּלעקט דעם אינעווייניגסטן צונויפבונד פון די ליטעראַרישע ערשײַנונגען און דעם אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דער ליטעראַטור פון אירע אָנהייבן ביז אונזערע טעג.

מיר האָבן נאָך ניט קיין ליטעראַטור־געשיכטע, מיר קאָנען זי נאָך גאָרניט האָבן, ווײַל מען ווייס נאָך אַפילו ניט די נעמען פון אַלע אונזערע ליטעראַרישע ווערק; מען האָט שוין געדאַרפט פאַרמאָגן א הויכן גראַד פון תמימות אויף צו שטורמעווען, אַזוי ווי פּינעס, מיטליידיגע הענט אַזאַ מין אומצוטריטליכע פעסטונג. נאָך דעם, ווי בעל־דמיון האָט אָהן רחמנות דעמאַסקירט פּינעסעס «געשיכטע פון דער יודישער ליטעראַטור» [פנקס I, ז׳ 313—348], פאַרשפּאָרט מען שוין צו זאָגן נאָך עפּעס וועגן דעם «ווערק». ס׳איז פאַר דער צײַט אַרויס (אַחוץ פראַנצויז און יידיש) נאָך אין רוסיש און דײַטש, נאָר בעסער איז עס פון דעם ניט געוואָרן.

43. א סך בעסער איז שוין ל. ווינער׳ס History of Yiddish Literature in XIX century; אָבער זי איז אויך מער אויסן צו אינפאָרמירן דעם

[1] דיאַלעקטאָלאָגישע מאַטעריאַלן זייִנען אויך פאַראַן לרוב אין אַלע יאָרגאַנגען פון די מיטטיילונגען; נאָר מען דאַרף זיך אַלעמאָל באַציען צו זיי זייער אָפּגעהיט; פאַראַן דאָרטן א סך אומפּינקטליכקייטן און בפירושע גרײַזן.

ניט־יידישן לעזער, איידער טאַקע באמת צו באַווײַזן דעם צונויפבונד צווישן די איינציקע ליטעראַרישע ווערק צווישן זיך און צווישן דער יידישער ליטעראַטור מיט דער יידישער געשיכטע. אָהן דעם דאָזיגן פירנדיקן געדאַנק מוז יעדער פּרוב פון א יידישער ליטעראַטור־געשיכטע בלײַבן בײַם ווערלן.

די גלײַכסטע זאַך וואָלט געווען, ווען די נאָהענטסטע יאָרן זאָלן זײַן אָפּגעגעבן דער אויספאָרשטונג פון אונזער ליטעראַטור, איבער־הויפּט פון דער עלטערער, און אויף צונויפגעבונדענע, סינטעטישע שילדערונגען זאָל מען זיך דערווײַלע ניט פאַרמעסטן. פון סברות און צע־שאָטענע ברעקלעך קאָן מען אַפילו בײַם בעסטן ווילן קיין בנין ניט אויפשטעלן.

44. א גאַנץ גוטע «ליטעראַר־געשיכטע» איז אלעזר שולמאַנ׳ס «שפת יהודית־אשכנזית וספרותה. מקץ המאה הט״ו עד קץ שנות המאה הי״ח» (ריגע, 1913), און ווען ניט די געוואַלדיקע דרוק־קאָסטן הײַנטיקע צײַטן, וואָלט געוויס געלוינט דאָס ווערק אַרויסצוגעבן אויף יידיש (בפרט נאָך, ווײַל אויף העברעאיש איז דאָס אויך כמעט אוממיגליך צו באַקומען). שולמאַן האָט געטון זײַן אַרבעט א ביסל אַלטפרענקיש: ער איז ניט גענוי אין זײַנע ביבליאָגראַפישע אָנווײַזן, ער רופט ניט אָן די ערטער, פון וואַנען ער ברענגט זײַנע ציטאַטעס, צום בוך איז ניט צוגעגעבן קיין שום רייסטער (אין דעם איז שוין שולדיק דער רעדאַקטאָר, ה׳ טאַוויאָוו, וואָס האָט אַרויסגעגעבן דאָס בוך נאָך שולמאַנס טויט לויט דער בקשה פון זײַן געזינד). מען קאָן אויך מסופק זײַן אין דער אײַנטיילונג פון די קאַ־פּיטלעך. נאָר אַרום און אַרום איז דאָס פּאָרט א גאַנץ גוטער איבערבליק איבער אונזער עלטערער ליטעראַטור, צונויפגעשטעלט מיט גרויס ליבשאַפט אין יאָרנלאַנגער אַרבעט.

45. אַן אויסשניט פון דער עלטערער יידישער ליטעראַטור־געשיכטע גיט ש. ניגער׳ס: «די יודישע ליטעראַטור און די לעזערין» (אין פנקס I; פאַראַן אויך א באַזונדער אויסגאַבע, ווילנע 1919). אייגנטליך וואָלט דאָס געמעגט הייסן: «די פרוי און די עלטערע יידישע ליטעראַטור», וואָרים עס גייט א רייד ניט נאָר וועגן דער לעזערין, נאָר אויך וועגן שרייבערינס. מאַטעריאַל איז דאָ פאַראַן א סך; און דאָס וואָס מען קאָן זיך אין אים ניט איבעריקס גרינג אָריענטירן, איז אין דעם ניט אינגאַנצן שולדיק דער

מחבר; ס׳ליגט אויך אין א גרויסער מאָס אינם מאַטעריאַל גופא׳ וואָס איז שטאַרק מאַנאָטאָן און ס׳איז אים דעריבער שווער צו גרופירן·

די אַרבעט איז זייער נוציג פאַר יעדערן׳ ווײַל זי לאָזט פילן די אַטמאָספערע פון דער אַלט־יידישער ליטעראַטור·

46· בכדי ניט צו פאַרנעמען אומזיסט פלאַץ׳ וויל איך דאָ ניט גיין איבערחזרן די אויסגעצייכנטע צונויפשטעלונג פון אונזער ביבליאָגראַפי־שער ליטעראַטור׳ וואָס באָראָכאָוו האָט געגעבן אין זיין «ביבליאָטייק»׳ No. 239—313· דער «פנקס» I איז פאַראַן אין יעטווידער ביבליאָטעק׳ און מען קאָן אים נאָך קויפן אויך; און אָהן אים קאָן זיך ניט באַגיין קיין שום יידישער פילאָלאָג· נאָר איינס וויל איך אָנווייזן: ביי שטיינשניידער׳ס «Jüdisch-Deutsche Literatur» אין «סעראַפּעאום» (1848 און 1849)׳ וואָס באָראָכאָוו שטעלט מיט רעכט אוועק אויבנאָן׳ מוז מען זיין אָפּגעהיט· שטיינשניידער האָט צונויפגעשטעלט די דאָזיגע רשימה פון 385 יידישע ליטעראַרישע דענקמאָלן אַן ערך ביז 1740 לויט ידיעות פון דער צווייטער האַנט׳ איידער ער האָט אַליין געזעהן די אָקספאָרדער ביבליאָטעק· דערפאַר האָבן זיך אין זיין רשימה אריינגעכאַפּט פעלערן׳ עטליכע זאַכן האָט ער פאַרזעהן (א שטייגער׳ «מגילת ווינץ» איז אינגאַנצן ניט דערמאָנט)׳ אין אַנדערע פאַלן האָט ער אַליין ניט געוואוסט׳ ווי אַזוי צו פּסקנען· נאָר מיט עטליכע יאָר שפּעטער איז שטיינשניידער געקומען קיין אָקספאָרד׳ און דאָרטן האָט ער געשאַפן זיין מאָנומענטאַלן קאַטאַלאָג [באָראָכאָוו׳ No. 297]׳ וואו ער האָט די טעותן פאַרריכט· אַלזאָ׳ ווער עס וויל אַן אמתן בילד פון שטיינשניידערס אויפטו׳ דער וואָלט געדאַרפט אויסשרײַבן די קעפּלעך פון דער רשימה אין «סעראַפּעאום» און צוגעבן צו איטליכן ווערק די ידיעות׳ וואָס זיינען פאַראַן וועגן דעם אין אָקספאָרדער קאַטאַלאָג·

47· בכלל וואָלט שוין געווען צײַט צו האָבן א גוטע׳ פולע יידישע ביבליאָגראַפיע: א פאַרצייכעניש פון די כתב־ידן און דרוק־ווערק׳ אַן אָנווייז אויף אַלע אויסגאַבעס (ביי דרוק־ווערק)׳ און באַלד דערביי רעגיסטרירט די אַלע אַרבעטן׳ וואָס זיינען אָנגעשריבן געוואָרן וועגן די דאָזיגע ווערק· ווי אַזוי אײַנצוואָרדענען דעם דאָזיגן «אוצר»׳ כראָנאָ־לאָגיש צי לויט זאַכליכע אָפּטיילונגען׳ דאָס איז נאָך א פראַגע; אָבער אַז

אַזאַ אַרבעט איז שוין הײַנט מיגליך׳ דאָס איז פֿאַר מיר קיין פֿראַגע ניט· דער וועג איז אויסגעטראָטן׳ דאָס אייגנס פֿון די גרויסע ביבליאָ־טעקן איז פֿאַררעגיסטרירט; אָט פֿון די אַלע צוגרייטנדיקע זאַמלונגען דאַרף מען איצט פֿעסטשטעלן אונזער ליטעראַרישן אינווענטאַר· איידער דאָס וועט אָפּגעטון ווערן׳ וועלן מיר קיין ליטעראַטור־געשיכטע ניט האָבן·[1])

48· זייער פֿאַרשווערט איז די אַרבעט צוליב דעם׳ וואָס די רײַכסטע יידישע ביכער־זאַמלונג געפֿינט זיך אין ענגלאַנד׳ אין דער אָקספֿאָרדער «באָדלעיאַנאַ»׳ וואָס ס׳איז ניט אַזוי גרינג אַהין אָנצושפּאַרן· אָבער גרויסע יידיש־אוצרות זיינען אויך פֿאַראַן אין דײַטשלאַנד (מינכען׳ פֿראַנק־פֿורט־מאַין׳ האַמבורג׳ בערלין) און אין ניו־יאָרק; הייסט עס׳ מען קאָן זיך אַן עצה געבן· אין מזרח־אייראָפּע איז ניטאָ קיין ביבליאָטעק׳ וואו מען זאָל קאָנען פֿירן וויסנשאַפֿטליכע אַרבעט וועגן יידיש׳ אויב מען זאָל ניט רעכענען דעם «אַזיאַטישן מוזעאום» אין פּעטערבורג·[2]) אין סטראַשונס ביבליאָטעק אין ווילנע זיינען פֿאַראַן א סך אַנטיקן׳ אָבער טאָמער דאַרפֿט איר א באַשטימטן ספֿר׳ איז דאָס גראָד ניטאָ׳ און אַחוץ דעם פֿעלן די עלעמענטאַרע הילפֿסביכער· זייער א שיינע ביכער־זאַמלונג האָט זיך געהאַט אָנגעקליבן אין משך פֿון לאַנגע יאָרן אלעזר שולמאַן אין קיעוו; וואו איז אַהינגעקומען זײַן ביבליאָטעק נאָך זײַן טויט?

49· די דאָזיקע אינווענטאַר־רשימות זיינען אַן אומבאַדינגט ביטיגע זאַך׳ נאָר ס׳איז פֿאַרט מערניט דער ערשטער שטאַפּל· נאָכן רעגיסטרירן דאַרף קומען דאָס פּובליקירן· ווען איינער וויל הײַנט שטודירן די עלטערע יידישע ליטעראַטור׳ קאָן אים העלפֿן נאָר זײַן מזל: אויב ער

[1]) ס׳איז באַוואוסט׳ אַז מאָריץ שטיינשנײַדער׳ וואָס איז געשטאָרבן 1907 אין עלטער פֿון 90 יאָר׳ האָט ביז די לעצטע טעג געפֿירט ווײַטער זײַנע ביבליאָגראַפֿישע אַרבעטן· ווי ס׳גיט מיר איבער ה׳ זענגער (דער באַלעבאָס פֿון דער בוכהאַנדלונג פּאָפּעלויער אין בערלין)׳ האָט ש׳ פֿאַר־מאָגט א האַנט־עקזעמפּלאַר פֿון זײַנע אַמאָליגע סעראַפּעאום־אַרבעטן וועגן דער יידיש־דײַטשער ליטעראַטור׳ וואָס דער עקזעמפּלאַר איז געווען ענג באַשריבן מיט כּלערליי הוספֿות און אויס־בעסערונגען· ש׳ האָט געהאַט בדעה אָפּצוגעבן פֿאַר זײַנע פֿאָרשונגען וועגן יידיש־דײַטש צוויי בענד אין זײַנע «געקליבענע שריפֿטן»׳ וואָס האָבן געזאָלט אַרויסגיין אין 12 בענד· דער טויט האָט אים אָפּגעריסן פֿון זײַן אַרבעט· נאָך זײַן טויט איז זײַן גאַנצע ביבליאָטעק׳ צוזאַמען מיט אַלע האַנט־עקזעמפּלאַרן פֿון זײַנע אייגענע ווערק׳ אַוועק קיין אַמעריקע· דאָס אַרויסגעבן ש׳ שריפֿטן האָט זיך פֿאַרהאַלטן עד־היום צוליב פֿאַרשיידענע סיבות׳ נאָר איצטער זאָל זײַן א האָפֿע־נונג׳ אַז די אַרבעט וועט פֿאַרגיכערט ווערן· — הייסט עס׳ מיר מעגן זיך ריכטן׳ אַז אין א צײַט אַרום וועלן מיר האָבן די פֿולקומע ביבליאָגראַפֿיע פֿון דער עלטערער יידיש־ליטעראַטור טאַקע פֿון שטיינשנײַדערן אַליין· קיין געבענטשטערע האַנט אויף דעם קאָן מען זיך גאָרניט פֿאָרשטעלן·

[2]) מיט דער סינאַגאָגע־ביבליאָטעק אין וואַרשע בין איך ליידער ניט באַקאַנט·

פּאַקט ביי א מוכר־ספרימניק דעם ספר, וואָס ער זוכט, איז גוט — אַניט איז פאַרפאַלן· די ביכער פון 16טן און טיילווייז פון 17טן י״ה איז שוין אָבער אוממיגליך צו קריגן: דער עולם האָט זיי בשעתו «צעלייענט» אויף פּיץ־פּיצלעך, און נאָר געציילטע עקזעמפּלאַרן האָבן זיך אויפגעהיט אין די מערב־אייראָפּעאישע ביבליאָטעקן· ווידער ווען איר באַקומט שוין אַן עקזעמפּלאַר פון «יוסיפון» צו פון «לב־טוב», קאָנט איר ניט וויסן, אויף וויפיל די אויסגאַבע, וואָס איר האָט אין האַנט, שטימט מיט דער ערשטער אויסגאַבע; איר ווייסט ניט, וואָס עס האָבן אַריינגעטראָגן נייַס די שפּעטערדיגע איבערדרוקער, צי איז ניט דער אַרויסגעבער פון אַ ייַער עקזעמפּלאַר געווען פאַראיינס א רעדאַקטאָר אויך· ביי די אומות־העולם זיינען פאַראַן אויף דעם קריטישע אויסגאַבעס· א פאָרשטער נעמט די פאַרשיידענע כתב־יַדן אָדער דרוקן פון א ווערק, ער גלייַכט זיי צו איינס צום אַנדערן, ער באַווייזט איטליכן אַרויסגעבערס חידושים, ער געפינט אויס (אויב מיגליך) די מקורים, פון וואַנען דער מחבר האָט געשעפּט· דאָס רוב ווערן נאָך צוגעגעבן צו דעם גראַמאַטישע און לעקסיקאַלישע פּירושים, כדי דער לעזער, וואָס נעמט דאָס אין האַנט אַריין, זאָל האָבן א פולקום בילד פון דעם ווערק·

אָט אַזוינע קריטישע אויסגאַבעס דאַרפן מיר אויך האָבן, לכל־הפחות פון די וויכטיגסטע דענקמאָלן פון אונזער אַלטער ליטעראַטור· מען וואָלט געדאַרפט אַרויסגעבן אויף אַזאַ שטייגער דאָס שמואל־בוך, דאָס מעשה־בוך, דעם תהילים פון 1490 (א מאַנוסקריפּט אין דער בערלינער מלוכה־ביבליאָטעק) א· אַז· וו· אויף אַזוינע אַרבעטן וועט זיך אויפבויען אי די יידישע ליטעראַטור־געשיכטע, אי די געשיכטע פון דער יידשער שפּראַך·

50· די איינציגע באַפרידיגנדיגע טעקסט־אויסגאַבע, וואָס מיר פאַרמאָגן, איז אייגנטליך דאָס בינטל «פּראָגער בריוו פון 1619», וואָס ד״ר אַ· לאַנדוי און ד״ר ב· וואַכשטיין האָבן אַרויסגעגעבן (זעה פּנקס I, ז׳ 351—356)· נאָר ס׳איז ניט קיין ליטעראַריש ווערק אין געוויינטליכן זינען פון וואָרט, הגם מען קאָן פון דאָרטן א סך אָפּלערנען·[1])

[1]) צו די יידישע טעקסטן פון די בריוו איז נאָך צוגעגעבן (אַחוץ זייער א וויכטיגן אַריינפיר) א טראַנסקריפּציע מיט לאַטייַנישע אותיות· קעגן דער דאָזיגער טראַנסקריפּציע האָב איך א גרויסע טענה· דאָרטן שטייט כסדר אַן a, וואו נה״ד האָט a: hat, lasen (לאָזן), gesagt אאַז״וו· איך

פּראָפ׳ מ׳ באַלאַבאַנס אויסגאַבע פֿונם סטאַטוט פֿון דער ייִדישער קהילה אין קראָקע (פֿראַנקפֿורט־מאַין׳ 1913) איז מיר לײַדער ניט אויס־געקומען צו זעהן.

51. מיט צוויי יאָר פֿאַר דער קריג איז אַרויס א קריטישע אויסגאַבע פֿון «קיניג אַרטוס הויף»: «Dr. L. Landau: Arthurian Legends, or: the Hebrew-German Rhymed version of the Legend of King Arthur» (לײַפּציג׳ סעריע «טייטאָניאַ»׳ פֿאַרלאַג עדוארד אַוועגאַריוס׳ 1912). ס׳איז א בוך פֿון 16 דרוקבויגן׳ וואָס אַן ערך א דריטל פֿאַרנעמט זייער א געווויסנדיגער אַרײַנפֿיר. ד״ר ל׳ לאַנדוי האָט דורכגעפֿירט א בדיוקדיגע פּאַראַלעל צווישן צוויי כּתב־יַדן פֿון אַרטוס־ראָמאַן׳ וואָס געפֿינען זיך אין דער האַמבורגער שטאָטישער ביבליאָטעק׳ און עטליכע געדרוקטע אויס־גאַבעס. דער אַרײַנפֿיר איז אויסגעצייכנט; דער אָפּדרוק פֿון די טעקסטן האָט אָבער דעם גרויסן חסרון׳ וואָס ער איז געגעבן מיט לאַטײַנישע אותיות. דער מחבר שרײַבט אַפֿילו׳ אַז ער האָט זיך געפֿלײַסט «אַזוי נאָהענט ווי מיגליך איבערצוגעבן אַלע כאַראַקטעריסטישע סימנים פֿונם העברעאישן טעקסט»׳ ד״ה פֿונם טעקסט׳ וואָס איז געשריבן מיט ייִדישע אותיות. נאָר ווען ער שרײַבט אויפֿן מה״ד שטייגער «ouf»׳ פֿון וואַנען קאָן מען וויסן׳ אַז אין טעקסט שטייט דווקא «אויף» (און ניט «אוף»)? און אַז ביי לאַנדוין שטייט «gegn»׳ דאַרף מען טרעפֿן על־פּי סבֿרא׳ אַז דער שרײַבער פֿון אָנהייב 15טן י״ה האָט געשריבן «גיגן». דאָס אייגענע שטייט אין כּתב־יַד «לנט» און לאַנדוי שרײַבט «lant»; «אויערם» טראַנ־סקריבירט לאַנדוי ׳üerm «מֵין»[1]) שרײַבט ער «men». אויפֿן גאַנצן טעקסט־אָפּדרוק ביי לאַנדוין קאָן מען זיך ניט פֿאַרלאָזן. דאָס וואָס ער האָט געגעבן איז אַפֿילו ניט גענוג געווען פֿאַר דער סעריע «טייטאָניאַ׳ אַרבעטן פֿון דער גערמאַנישער פֿילאָלאָגיע»׳ און פֿאַר אונז אַוודאי ניט.

פּערזענליך בין זיכער׳ אַז נאָך די אַלטע ייִדישע שפּראַך האָט געהאַט o דאָרטן וואו דאָס הײַנטיגע ליטווישע ייִדיש האָט o; נאָר אויב ד״ר לאַנדוי האַלט אַנדערש (און זײַן מיינונג איז געוויס מי יודע ווי וויכטיג)׳ האָט מען דאָס געדאַרפֿט דערווײַזן׳ ניט מאַכן זיך ניט וויסנדיג פֿון דער גאַנצער פּראָבלעם. איבעריגנס געפֿינען מיר דעם זעלביגן טעות אויך ביי אַלע טראַנס־סקריפּטאָרן אין דײַטשלאַנד: אַוועּ־לאַלעמאַן׳ גרינבוים א. אַז. וו. אָבער ווען מען חזרט איבער א טעות א סך מאָל׳ ווערט ער דאָך דערפֿון ניט אויס טעות. — זעה וועגן דעם ז׳ 85 און 136.

[1]) די נקודות שטייען אין אָריגינאַל.

52· גליקל פון האַמעלנס פּרעכטיגע מעמואַרן זיינען אָפּגעדרוקט פון פּראָפ׳ דוד קויפמאַנען אין 1896 מיט יידישע אותיות (זעה פנקס I׳ ז׳ 135)׳ אָבער ד״ר אַ׳ לאַנדוי האָט שוין אויפגעוויזן אין «מיטטיילונגען» 7 [באָראָכאָוו׳ No. 359]׳ אַז אין פּרט פון שפּראַך איז די אויסגאַבע אומ־געלונגען ביז גאָר׳ פירושים׳ שפּראַכיגע און קולטורגעשיכטיגע׳ זיינען פאַראַן אין די «מיטטיילונגען»׳ 7׳ 17 און 54·

53· און דאָס איז גאָר: מער האָבן מיר ניט קיין טעקסט־אויסגאַבעס·[1]) און די אויסצוגן׳ וואָס מיר פאַרמאָגן פון דער עלטערער יידישער ליטעראַטור׳ האָבן אויך א קנאַפּע ווערדע· אַווע־לאַלעמאַן [באָראָכאָוו׳ No. 103] האָט אָפּגעגעבן די זייטן 435—537 אויף פאַרשיידענע אויסצוגן פון אַלטע יידישע ספרים: פון «מעשה נסים»׳ פון «טיל איילנשפּיגל»׳ פון «מעשה־בוך» א׳ אַז׳ וו׳ אָהן א סיסטעם׳ נאָר מיט איין מעלה: אַלצדינג איז געגעבן מיט יידישע אותיות·

54· מאַקס גרינבוימס כרעסטאָמאַטיע [באָראָכאָוו׳ No. 110] האָט באָראָכאָוו אָפּגעשאַצט ווי געהעריג· גרינבוים איז געווען דער אמתער טיפּ פונם וועלטפרעמדן מלומד׳ וואָס האָט געשעפּט זיין גאַנצע וויסנשאַפט פון ביכער און פון זיין אייגענעם קאָפּ· דאָס לעבעדיגע יידיש האָט ער ניט געקענט׳ און דערפאַר האָט ער זיך׳ א שטייגער׳ קוים געכאַפּט א מינוט פאַר ליכטבענטשן (אין א תיקון־טעות אויף דער לעצטער זייט)׳ אַז «באַדינער» (דער טייטש פון ,משרתים׳ אין תהילים׳ קאַפּ׳ קד׳ ד) מאַכט ניט «bodener»[!]׳ נאָר badíner·

א צווייט ביכל גרינבוימס: «Die jüdisch-deutsche Literatur in Deutschland, Polen und Amerika» (אַן אָפּדרוק פון אַן אַרטיקל אין ווינטער־ווינשע׳ס «די יידישע ליטעראַטור זייט אַבשלוס דעס

[1]) ד״ר פעליקס ראָזענבערג האָט 1888 געשריבן אין בערלין א דיסערטאַציע אויף דער טעמע: «Über eine Sammlung deutscher Volks- und Gesellschaftslieder mit hebräischen Lettern»· ס׳זיינען טעקסטן פון א יידישן כ״י אין דער באָדלעיאַנאַ׳ נאָר טראַנסקריבירט מיט דייטשע אותיות׳ און מיט אַלע חסרונות פון די דייטשע טראַנסקריפּציעס· איבעריגנס האָט זיך ה׳ ראָזענ־בערג מיט דער שפּראַך פון די טעקסטן ניט אינטערעסירט׳ אים איז געגאַנגען וועגן זייער ליטע־ראַר־היסטאָרישן באַטייט· צווישן די עטליכע צעהנדליגג לידער׳ וואָס ער ברענגט׳ זיינען דאָס רוב טאַקע פאַראַן אין דייטשע זאַמלונגען אויך; דאָ וואָלט כדאי געווען צו אַנאַליזירן די שפּראַך אויף צו דערגיין׳ וואָס יידן האָבן אַריינגעטראָגן נייס· פאַראַן אָבער אַזוינע׳ וואָס זיינען אין דייטשע מקורים ניטאָ׳ נאָר פאַר ה׳ ראָזענבערג זיינען דאָס נאָך אַלץ «deutsche Lieder mit hebräischen Lettern»· — וועגן מ׳ באַסינס אַנטאָלאָגיע זעח צום סוף אין די «הוספות»·

קאַנאָנס», ב׳ III, ז׳ 351 פפ· — טריר, 1894) איז פשוט א קאַריקאַטור· אין 1894 ציטירט גרינבוים א ווילנער «מנורת המאור» פון 1880, א פּאָר לידער פון אליקום בדחן און א פּאָר מעשיות פון אייזיק מאיר דיקן, נאָר ער ווייס קיין איין וואָרט ניט צו דערציילן וועגן לינעצקין, וועגן מענדעלען, וועגן שלום־עליכמען!

נאָך גרינבוימען איז געבליבן בירושה א צווייטער, ניט געדרוקטער באַנד פון זײַן «כרעסטאָמאַטיע»; דער מאַנוסקריפּט געפינט זיך בײַ זײַנע קרובים אין האַנוי, לעבן פראַנקפורט־מאַין[1]· ס׳וואָלט פונדעסטוועגן געווען א פאַרדראָס, אויב די אַרבעט וואָלט געבליבן ניט־פּובליקירט אָדער ניט־אויס־גענוצט, מחמת די שפּראַכוויסנשאַפטליכע חקירות גרינבוימס זײַנען אָפּט־מאָל זייער אינטערעסאַנט· ער איז געווען א מענטש מיט ברייטע קענטע־נישן, און ווען דאָס מזל וואָלט אים צוגעפּירט מיטן מזרחדיגן יידנטום, וואָלט פון זײַן פלײַסיגער, מסירת־נפשדיגער האָרעוואַניע אַרויס־געקומען גאָר עפּעס רעכטס·

55· ס׳איז א גרויסער שאָד, וואָס ד״ר יוסף פּערלעס׳עס «Beiträge zur Geschichte der hebräischen und aramäischen Studien» (מינכען, 1884) איז געוואָרן אַזאַ יקר־המציאות· פּערלעס, א מינכענער ראַבינער און א גרויסער מלומד, האָט פאַרשטאַנען צו ברענגען די ציטאַטעס מיט די יידישע אותיות· און ציטירן ציטירט ער גראָד די עלטסטע כתב־ידן און דרוקן, וואו דער העברעאישער טעקסט איז אַדורכגעמישט מיט «טײַטשע» פאַרטײַטשונגען [באָראָכאָוו, .No 68, 69, 71, 75, 79 אאַז״וו] אייגנטליך איז דאָס ניט קיין ליטעראַטור, נאָר מאַטעריאַל פאַר דער שפּראַך־געשיכטע; נאָר פונדעסטוועגן קאָנען מיר אַרויסזעהן פון די דאָזיגע «גלאָסעס», ווי אַזוי ס׳איז אויפגעקומען בהדרגה אונזער ליטעראַטור: פון

---

[1]) מיטגעטיילט אין פעליקס פּערלעס׳עס גאַנץ אינטערעסאַנטן אַרטיקל: «Zur Erforschung des Jüdisch-Deutschen» (אין Beiträge zur Geschichte der deutschen Sprache und Literatur, ב׳ 43 און 44)· אין דער אַרבעט פּרובט פּערלעס אויסטײַטשן (אָפטמאָל מיט ערפאָלג) עטליכע צעהנד־לינג וואָקאַבולן, וואָס זײַנען פאַראַן אין שטראַקס ווערטערבוך: ער ברענגט פּאַראַלעלעס פון מה״ד און פון נה״ד דיאַלעקטן· אָבער ווי נאָר ער רירט זיך צו צו דער עלטערער יידישער שפּראַך, איז ביטער· ער וויל למשל אויפווײַזן, אַז צו דער פאָרם beištidl (זעה ז׳ 122), וואָס איז פאַראַן אין דער ערשטער אויסגאַבע פון «ספר ר׳ אַנשיל» (1534), איז אין דער צווייטער אויס־גאַבע פאַראַן א בײַפאָרם beištoidl· פון וואַנען איז דאָס געדרונגען? אָט פון וואַנען: עס שטייט געשריבן „בייא שטוידל׳· הייסט עס, ה׳ פּערלעס ווייס ניט, אַז אין דער עלטערער ליטעראַטור האָט דער „וי׳ קיינמאָל ניט באַטײַט קיין oi, און אַז דאָ איז דאָס פשוט א ü!

איינציגע ווערטער צו איינציגע זאַצן צו פֿאַרגרינגערן דאָס לערנען, דערנאָך מוסר־ספרים און פֿאַרווײַלונגס־ביכער (מיט א מוסרדיגן אונטערשלאַק), און דערנאָך ווײַטער ביז אַלע פֿאַרצווײַגונגען, וואָס א מאָדערנע ליטעראַטור פֿאַרמאָגט.

56. אויסצוגן פֿון מוסר־ספרים, איבערהויפּט אַזוינע, וואָס כאַראַקטעריזירן דעם צושטאַנד פֿון בילדונג און ערציאונג בײַ יידן, האָט געבראַכט גידעמאַן אין דריטן באַנד פֿון זײַן «געשיכטע פֿון דער ערציאונג און קולטור בײַ די מערבדיגע יידן»[1] און נאָך מער אין זײַן ווינציג־וואָס באַקענטן צוגאָב־ווערק: «Quellenschriften zur Geschichte des Unterrichts und der Erziehung bei den deutschen Juden» (בערלין, 1891, פֿאַרלאַג אַ. האָפֿמאַן עט קאָ.). דאָרטן זײַנען פֿאַראַן אויסצוגן פֿון «בראַנטשפּיגל», פֿון «לב טוב», פֿון «ספר מידות» 1542 א. אַז. וו. — די קולטורגעשיכטיגע ווערדע פֿון גידעמאַנען (וואָס איז אומגעהײַער גרויס) איז ניט שייך צו אונזער טעמע.

---

[1]) אָט דער דריטער באַנד איז ניט לאַנג אַרויס אין ייִדיש: «מ. גידעמאַן, אידישע קולטור־געשיכטע אין מיטלאַלטער (אידן אין דײַטשלאַנד דאָס XIV און XV יאָרהונדערט). אידיש — נחום שטיף. כלל־פֿאַרלאַג, בערלין 1922». וועגן שטיפֿס איבערזעצונג קאָן מען זאָגן מיט איין וואָרט: אויסגעצייכנט. איך וויל דאָ פֿונדעסטוועגן פֿאַרצייכענען עטליכע פֿון די פּגמ׳ען, וואָס איך האָב באַמערקט בײַם לייענען. ז׳ 21 איז דורכגעלאָזן גידעמאַנס סברא וועגן דער פֿאַרבינדונג צווישן די צוויי משה מולינס. ז׳ 105 איז «des Deutschen Ritterordens» איבערגעזעצט: «פֿון א ריטער־אָרדן». דאָרטן גופֿא ווערט דערציילט וועגן א פֿירשט, וואָס האָט ליב געהאַט «die Juden und das Rotwild», ד״ה יידן און הירשן; בײַ שטיפֿן שטייט אָבער: «ער האָט צו פֿיל ליב געהאַט אידן און ציגײַנער»! (אַפֿנים, א קווי־פּראָ־קוואָ פֿון Rotwild און rotwelsch!) ז׳ 106 שטייט: די קריסטן אין מאַינץ האָבן געמיינט, אַז יידן ווילן מאַכן «eine Revolte»; בײַ שטיפֿן שטייט: א רעוואָלוציע! ז׳ 110 שטייט בײַ שטיפֿן: «לויט א פֿראַנצויזיש געדיכט פֿון Manessier», און מען קאָן מיינען, אַז דאָס איז א פֿראַנצויזישער שרײַבער אַזאַ. אין אָריגינאַל שטייט «nach dem französischen Gedicht des Manessier», און דאָס מיינט די באַוואוסטע Manessische Handschrift פֿון מה״ד טעקסטן, וואָס האָט זיך פֿריער געפֿונען אין פּאַריז (פּגל׳ הייגעס בערנע־פּאַמפֿלעט) און איצטער אין היידעלבערג. ז׳ 146 שטייט בײַ שטיפֿן, אַז דאָס «ספר מידות» איז אַרויס 1542 אין «יעסני»; אין דער אמתן הייסט די שטאָט «איסני» (Isny). ז׳ 182 ברענגט שטיף אַן אייגענע סברא צום אָפּשטאַם פֿון «יי» אַלס באַצייכענונג פֿון ei און באַמערקט דערבײַ (בײַ די שטעט־נעמען אויף -heim): «מעגליך, אַז די צוויי יי האָט מען אָנגעהויבן שרײַבן ערשט דאַמאָלס, ווען מ׳האָט שוין געלייענט דעם לעצטן טראַף ניט hîm, נאָר heim». אַזאַ מין אויסשפּראַך hîm איז גאָר קיינמאָל ניט געווען. די מה״ד און אַה״ד פֿאָרם איז שוין אויך געווען heim, און דערפֿאַר האָבן מיר טאַקע אין ליטווישן יידיש hejm און ניט hajm. — די צוריק־טראַנסקריפּציע פֿון די טעקסטן פֿון «ספר מידות» (ז׳ 148—157) גייט זיך שטאַרק פֿונאַנדער מיט דער אויסלייגונג פֿון יידישן אָריגינאַל. דאָס איז ניט קיין טענה קעגן נ. שטיפֿס חריפֿות: ע״פּ סברא לאָזט זיך ניט בעסער רעקאָנסטרואירן אַן אויסלייגונג, אין וועלכער ס׳איז געווען אַזוי פֿיל מוטוויל. נאָר דאָס יאָ: פֿאַר א בוך, וואָס איז אַרויס אין דײַטשלאַנד, איז ניט אַזוי שווער געווען אַראָפּצוברענגען פֿון פֿראַנקפֿורט־מאַין די איסניער אָריגינאַל־אויסגאַבע פֿון «ספר מידות».

57. אַן איבערבליק איבער דער רײַכער ליטעראַטור וועגן «שמואל־בוך» האָט געגעבן ד״ר פּ. פאַלק [באָראָכאָוו, No. 130]. דאָס איז אַ גרונטיקע אַרבעט, אָבער פאַרטיק געוואָרן זײַנען פון איר מערניט ווי צוויי קאַפּיטלעך. דאָס ערשטע הייסט: אַרײַנפירנדיקע באַמערקונגען וועגן דער יידיש־דײַטשער ליטעראַטור (עלטער פון דער יידיש־דײַטשער פאָלקס־ליטעראַטור; כאַראַקטער, אויפקומען און פאַרשפרייטונג פון דער פאָלקס־ליטעראַטור; איר אינהאַלט און גרייס; יידיש־דײַטשע שפּראַך און ליטעראַטור פאַרן משפּט פון עטליכע געלערנטע; איר ווערדע פאַר דער פאָרשונג פון דער דײַטשער שפּראַך און ליטעראַטור). דאָס צווייטע קאַפּיטל טראָגט דעם נאָמען: «די ביזאיצטיקע פאָרשונגען וועגן דעם שמואל־בוך און ניבעלונגען־סטראָפעס». דאָ ווערט געגעבן אַן איבערבליק איבער די וויכטיקסטע תנ״ך־איבערזעצונגען, גלאָסאַרן און געגראַמטע תּנכן ביזן סוף פון 16 טן י״ה; דערנאָך ווערט באַשריבן די שטעלונג פון די געלערנטע צו דער פּראָבלעם פון «שמואל־בוך». אָט גראָד דאָ, וואו ס׳האָט זיך געדאַרפט אָנהייבן אַן אַנאַליז פון דעם ווערק גופא, רײַסט זיך איבער די אַרבעט.[1])

אַ פּאָר זײַטלעך ציטאַטעס פונם «שמואל־בוך» זײַנען אָפּגעדרוקט אין ה. לאָטצע׳ס אַרטיקל: «צור יידיש־דויטשען ליטעראַטור» אין «Gosches Archiv für Literaturgeschichte», I, 1870. ס׳האָט יעמאָלט געזאָלט אָנהייבן אַרויסגיין אַ יידיש־דײַטשע טעקסטביבליאָטעק, און דער אַרויסגעבער פון «אַרכיוו» (גאָשע) האָט לכּבוד דעם באַשטעלט בײַ לאָטצען אַזאַ מין אינפאָרמאַטיוון אַרטיקל. (פון דעס פּלאַן איז גאָרנישט געוואָרן.)

58. אין פּרילוצקיס זאַמלביכער II זײַנען געדרוקט שטיקער פון משה מאַרקוזעס זייער אינטערעסאַנטן «ספר רפואות». איך וויל אָגב באַמערקן, אַז אַן עקזעמפּלאַר פון דעם דאָזיגן אַנטיק געפינט זיך אויך אין דער פראַנקפורטער שטאָט־ביבליאָטעק.

אָט דאָס איז, דוכט זיך, גאָר; מער קיין הילפסמיטלען זײַנען ניטאָ אויף צו באַקענען זיך מיט דער עלטערער און אַלטער יידישער

[1]) דיזעלביקע אַרבעט האָט פאַלק, יעמאָלט אַ פּריוואַט־דאָצענט אין זשענעווער אוניווערסיטעט, אַרויסגעגעבן מיט אַ יאָר פריער אין פראַנצויז [באָראָכאָוו, No. 130]. דאָרטן איז פאַראַן אַן אָנמערקונג, פון וועלכער ס׳איז צו זעהן, אַז דער מחבר האָט געהאַט בדעה אַרויסצוגעבן אַ קריטישע אויסגאַבע פון «שמואל־בוך» (לויט די כתב־ידן פון פּאַריז און האַמבורג). לײַדער איז דער פּלאַן ניט פאַרווירקליכט געוואָרן.

ליטעראַטור. ס׳איז ווינציג! אויב ניט קיין גרויסע טעקסט־ביבליאָטעק איז כאָטש א כרעסטאָמאַטיע וואָלטן מיר שוין געוויס געמעגט און גע־קאָנט האָבן.[1])

## ז

געשיכטע פון דער יידישער שפּראַך. דער אָפּשטאַם פון יידיש און פון די יידישע דיאַלעקטן

59. נאָך ערגער ווי מיט דער ליטעראַטור־געשיכטע האַלטן מיר דער־ווײַלע מיט דער געשיכטע פון דער יידישער שפּראַך. און ס׳איז ניט קיין חידוש. די געשיכטע פון א שפּראַך בויט זיך אויף צוויי עלעמענטן. די דענקמאָלן פון דער אַלטער ליטעראַטור געבן דעם יסוד, און דאָס וואָס די אותיות דערזאָגן ניט (פאָרט ניט מער ווי טויטער חומר!) קאָן מען טיילמאָל אַרויסדרינגען פון די היינטיגע גערעדטע דיאַלעקטן. אָבער אַז דאָס איז ניט אויסגעפאָרשט און יענץ איז ניט אויסגעפאָרשט — פון וואַנען זאָל זיך נעמען א געשיכטע פון דער יידישער שפּראַך?

60. פון די פּאָר מאָנאָגראַפיעס, וואָס מיר פאַרמאָגן, זיינען די ווײַט־וויכטיגסטע ד״ר אַלפרעד לאַנדויס אַרבעטן. די זיכערע האַנט און דער פעסטער בליק לאָזן זיך שוין פילן אין זײַן ערשטן אַרטיקל וועגן די פאַר־קלענער־פאָרמען אין יידיש[2]) [באָראָכאָוו, No. 358], אָבער נאָך א סך א גרעסערע בקיאות אין דער עלטערער יידישער ליטעראַטור און אין די דײַטשע דיאַלעקטן זעהט זיך אַרויס פון זײַנע ווײַטערדיגע פאָרשטונגען: וועגן דער שפּראַך פון גליקל פון האַמעלן [באָראָכאָוו, No. 359] און וועגן די פּראָגער בריוו פון 1619 [באָראָכאָוו, No. 360]. שוין די ווערטער־ביכלעך אַליין, וואָס פאַרנעמען אין איטליכן פון דיביידע אַרטיקלען צו 19 זײַטן, גיבן א סך לעקסיקאַלישן מאַטעריאַל. מיר ווערן געוואויר, א שטייגער, אַז דער ווילנער אויסדרוק: «מיט ליב אײַך אײַער גאַסט» איז שוין פאַראַן אין אָנהייב 17 טן י״ה אין פּראָג; גליקל שרײַבט שוין (צום סוף פון 17 טן י״ה) «באַזוכן» (מיטן טײַטש: «אַרומזוכן»[3])) אד״ג.

[1]) ב. שטיף קלײַבט זיך שוין א צײַט מיט יאָרן אַרויסצוגעבן א לייענבוך פון דער עלטערער יידישער ליטעראַטור. — די «קולטורליגע» אין וואַרשע גרייט זיך אַרויסצוגעבן זלמן רייזנס א גרויסע כרעסטאָמאַטיע: «פון מענדעלסאָן ביז מענדעלי». — וועגן ז. רייזענס «לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע» זעה צום סוף אין די «הוספות».

[2]) וועגן דעם דימינוטיוו אין דײַטש איז נאָך לאַנדויס אַרטיקל צוגעקומען א סך מאַטעריאַל פונם דײַטשן שפּראַך־אַטלאַס, פּובליקירט אין פּראָפ׳ ווּרעדע׳ס «Die Diminutiva im Deutschen» (Deutsche Dialektgeographie I, מאַרבורג, 1908).

[3]) דאָס וואָרט באַגעגנט זיך איבעריגנס מיט דעם פּשט נאָך אין מה״ד.

א סך ווערטער זײַנען פֿאַראַן, ווי בכלל אין דער גאַנצער עלטערער ליטע־ראַטור, וואָס קאָנען בפּירוש צו־ניץ קומען נאָך הײַנטיקן טאָג: «מאַכן אַן אויסרוף» (גליקל, = ליציטאַציע); באַטראַכטליך (גליקל, = באַקלערט, überlegt); קניפּלען (גליקל, = מאַכן שפּיצן, klöppeln) א. אַז. וו. — לאַנדוי באַנוגנט זיך אָבער ניט מיט פֿאַרצײַכענען די ווערטער; ער טײַטשט זיי נאָך אויס, ער ברענגט בײַשפּילן פֿון אַנדערע יידישע טעקסטן און פּאַראַלעלעס פֿון דײַטשע דיאַלעקטן. אַכלל, די גלאָסאַרן זײַנען א מוסטער פֿון אַן אַרבעט; די גראַמאַטישע באַמערקונגען, הגם זיי זײַנען אויך שטרענג וויסנשאַפֿטליך, באַפֿרידיקן מיך ניט אין דערזעלביקער מאָס.

61. וועגן ד״ר ל. לאַנדויס אַרטוס־אויסגאַבע איז שוין אויסגעקומען צו ריידן (ז׳ 42). אויף זײַט LXV—XLVII איז דאָרטן געגעבן א זאָרגעוו־דיקער גראַמאַטישער אַנאַליז פֿון דעם אַרטוס־ראָמאַן, און אויף דעם סמך קומט לאַנדוי צום באַשלוס, אַז דער מחבר האָט געמוזט שטאַמען פֿון רייניש־פֿרענקישן געגנד, אַן ערך אַרום מאַינץ, פֿראַנקפֿורט אָדער וואָרמס.

62. בלויז אַזוינע מיני בדיוקדיקע אויספֿאָרשטונגען קאָנען אונז געבן אַן ענטפֿער אויף דער פֿראַגע, צי לאָזן זיך די עלטערע יידישע ווערק לאָקאַליזירן אין געוויסע דײַטשע געגנדן. דאָס איז זייער א וויכטיקע פּראָבלעם, וואָרים זי פֿירט אונז צו צו א צווייטן ענין: ווען האָט זיך די שפּראַך פֿון די יידן אין דײַטשלאַנד גענומען שטאַרק אונטערשיידן פֿון דער דײַטשער שפּראַך אַרום זיי? אין די פּראָגער בריוו 1619, א שטייגער, איז גרינג צו קאָנסטאַטירן סימנים פֿון פֿאַרשיידענע דײַטשע דיאַלעקטן; הייסט עס, יידן האָבן שוין געהאַט באַשאַפֿן אין יענער צײַט א פֿאַר־זיכדיקע קאָמבינאַציע פֿון פֿאַרשיידענע דײַטשע שפּראַך־עלעמענטן מיט העברעאישע און סלאַווישע.[1] דאָס אייגענע גליקל; זי האָט אָפּגעלעבט איר גאַנץ לעבן אין צפֿון־דײַטשלאַנד, און עס פֿילט זיך אין איר לשון א צפֿונדיקע («נידערדײַטשע» אָדער «פּלאַטדײַטשע») השפּעה, נאָר דער קערן פֿון איר שפּראַך איז הויכדײַטש, ד״ה דרום־דײַטש, ווי בכלל אין יידיש.

גיכער ווי אַלץ זײַנען וועדליג דעם מחבר און דעם אָרט פֿאַראַן פֿאַר־שיידענע מדרגות פֿון צופּאַסונג צו די לאָקאַלע דײַטשע דיאַלעקטן. וואָס

[1] זעה וועגן דעם ז׳ 136.

ס׳איז שייך צו געדרוקטע אויסגאַבעס, דאַרף מען נאָך האָבן אין זינען די טראַדיציע. אויב אַ באַוואוסטע אַמסטערדאַמער דרוק, למשל, האָט שוין געהאַט צוגעוויינט אירע קונדן צו אַ געוויסן אויסלייג, וועט שוין דער קראָקער נאָכדרוקער אָדער קאָנקורענט אויך בלײַבן בײַ דער שרײַבונג; אָט האַלט זיך דאָך בײַ אונז אויך נאָך די אָרטאָגראַפּיע פון דער וואַרשעווער פּרעסע, מחמת „דער עולם איז שוין אײַנגעוויינט"! ווידער דאַרף מען געדענקען, אַז אַמאָליגע יאָרן איז דער אויסוויי־ניגסטער לבוש פון אַ ווערק (אויך די שפּראַכיגע פאָרם) געווען געוועגדט אַ סך מער אינם זעצער, קאָרעקטאָר און אַרויסגעבער, איידער אינם אויטאָר. יידישע ביכער פלעגן זײַן אויסגערעכנט אויף אַ קאָלאָסאַלער טעריטאָריע, און אַ בוך, פון וועלכן עס וואָלט געשמעקט צו שטאַרק מיט פראַנקפורטער לשון, וואָלט מען אין פּראָג און אין קראָקע און אין האַמבורג אין האַנט ניט גענומען. שוין צו־ליב געשעפטליכע טעמים אַליין האָט דער אַרויסגעבער געמוזט אָפּשלייפן די שאַרפע דיאַלעקטישע קאַנטן אין אַלע זײַנע אויסגאַבעס.[1]

בײַ אַזוינע אומשטאַנדן איז אָפּטמאָל זייער שווער אַרויסצושיילן דעם אמתן מיין פונם מחבר פון אונטער דער צווייאיגער שאָלעכץ פון טראַ־דיציע און פון דעם אַרויסגעבערס צופוץ. אָבער שטרעבן דאַרף מען דערצו: אָנשטאָט די אותיות, וואָס פירן אַזוי אָפט אַרײַן אין טעות, דאַרף מען זיך פלײַסן משיג צו זײַן די קלאַנגען און פאָרמען, וואָס דער שרײַבער האָט בשעתו געניצט אין זײַן ריידן. און פאַראיינס דאַרף מען זעהן צו פאַררעגיסטרירן יענע שותּפותדיגע, איבער־דיאַלעקטישע בוך־שפּראַך, וואָס האָט זיך פאַמעליך אויסגעפורימט בײַ יידן און געוואָרן די פאָרגייערין פון אונזער הײַנטיגער ליטעראַרישער שפּראַך.

63. חוץ די שריפטליכע דאָקומענטן פון אַמאָליגע צײַטן איז פאַראַן נאָך אַ קוואַל פון מאַטעריאַל פאַר דער געשיכטע פון יידיש: דאָס זיינען די רעשטן פון יידיש אין מערב־אייראָפּע („מערב־יידיש", לויט דער טערמי־נאָלאָגיע פון מיזעסן און פּרילוצקין). דאָס יידיש איז אָפּגעשטאָרבן בײַ די דײַטשע יידן אין משך פון 1750—1850, אָבער אינגאַנצן איז עס נאָך ניט

[1]) לוטערן האָט מען אַ לאַנגע צײַט גערעכנט פאַר אַ מין איבער־רעפאָרמאַטאָר פון דער דײַטשער שפּראַך און שרײַבונג. הײַנט איז מען אין אַ סך פאַלן זייער שטאַרק מסופק, פון וואַנען וואַקסן די חידושים: צי פון לוטערן אַליין, צי פון זײַן דרוקער האַנס לופט. לוטער אַליין האָט געהאַלטן, אַז זײַן טירינגער דיאַלעקט איז דאָס שענסטע לשון, וואָס עס קאָן נאָר געמאָלט זײַן.

אויסגעראָטן ביזן היינטיקן טאָג און עס לאָזט זיך נאָך פילן אינם דייטש פון די יידן, וואו שטאַרקער, וואו שוואַכער. דאָס דריקט זיך אויס אי אין דער אויסשפּראַך (למשל, פּראָפ׳ מערינגער האָט אויסגעפונען, אַז יידן זאָגן זייער אָפט prson אָנשטאָט Person און mechanisch מיט א האַרטן ch אָנשטאָט מיטן ווייכן ich-קלאַנג), אי אין דעם ניגון, אי אין די ווערטער — איבערהויפּט ווען מען רעדט ניט מיט גוים, נאָר צווישן זיך.[1]) אָט אין די רעשטן פון אַמאָליגן יידיש, וואָס זיינען אין משך פון אַזאַ לאַנגער צייט געווען איזאָלירט פון אונזער מזרח־יידישער שפּראַך, האָבן זיך אָפּט־מאָל אויפגעהיט שפּורן פון אַלטערטימליכע פאָרמען און ווערטער. לײדער האָבן זיך נאָך צווישן די דייטשע יידן ניט געפונען קיין בעלנים צו שטודירן אָט די שפּראַכיגע רואינען, וואָס דערמאָנען זיי אין די פאַר־גאַנגענע צייטן פון זייער «יידישליכקייט». דער איינציגער געגנד, וואָס איז פיל־וויייניג באַאַרבעט, איז עלזאַס. פאַראַן אַן אַרבעט פון ווייס׳ן, וואָס גיט א 400 יידישע (דאָס רוב העברעאישע) ווערטער אין זייער כאַראַקטעריסטישער אויסשפּראַך, און צוגאָבן צו דעם אַרטיקל פון עטליכע אַנדערע שרייבער [באָראָכאָוו, No. 347—350]. ווייס, אַליין דוכט זיך א קריסט, דערציילט, אַז ווען ער האָט זיך געווענדט צו איינעם א ראַבינער וועגן ספּעציפיש־יידישע ווערטער, האָט יענער זיך אָפּגעזאָגט אים צו געבן מאַטעריאַל, מחמת דאָס קאָן נאָך ווערן א געצייג ביי אַנטיסעמיטן אין די הענט![2])

די אַרבעט פון עמיל וויי ל׳ן וועגן עלזאַסער יידיש (אין Revue des études juives) איז מיר געבליבן ניט באַקענט.

64. אין 1915 איז אַרויס א בוך וועגן יידיש אין האָלאַנד: Het Joodsch in Nederland (פולער טיטול אין דער רשימה פון די אָפּקירצונגען). ס׳איז א דיק בוך, פון 324 זייטן, מיט א היפּש ביסל אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל. ס׳האָבן זיך אין האָלאַנד נאָך אויפגעהיט אַלטע יידישע ווערטער: «טעטשן» — בלאָזן שופר; «fraale» [= פרויעלע] — באָבע; «געשוויי» — שוועגערין, שוואָגער; «סקאָצל קומט»; «צאָכן» — קנויט א. אַז. וו. די זאַמלונג האָט

[1]) א סך ווערטער זיינען פון די דייטשע יידן אַריבער צו די דייטשן: mies (מיאוס), Moos (מעות), meschugge, Dalles, Mezzie א. אַז. וו.

[2]) פון ביימען און מערן איז פאַראַן א סך מאַטעריאַל אין די מיטטיילונגען; נאָר דערביי דאַרף מען נעמען אין אַכט דאָס, וואָס עס שטייט אין דער אָנמערקונג אויף ז׳ 37.

צונויפגעשטעלט מיט גרויס התמדה א לערער פּאָרזאַנגער, דערנאָך, נאָך זײַן טויט, איז די אַרבעט פאַרענדיגט געוואָרן דורך א צווייטן לערער, פּאָלאַק. א גאַנצע ריי אָנגעזעהענע יידישע פּערזענליכקייטן (צווישן זיי ד״ר יעקב גערצאָן, וואָס איז איצט א לערער פון א גימנאַזיע אין גראַוועג־האַגען־האָלאַנד) האָבן מאַטעריעל מיטגעהאָלפן דאָס ווערק אַרויסצוגעבן. ליידער איז דאָרטן פאַראַן זייער פיל איבעריגס. צווישן די «יידישע ווערטער», וואָס ווערן פאַרטײַטשט, זיינען פאַראַן אַזוינע: אחד־העם, בבא־בוך, די חברה «כל ישראל חברים», רמב״ם א. אַז. וו.; אַלזאָ, א מין יידישע ענציקלאָפּעדיע, און דאָס פאַרוואַסערט דעם לינגוויסטישן אינהאַלט פונם בוך. פונדעסטוועגן איז דאָס זייער א וויכטיגער אויפטו, בפרט נאָך, ווען ס׳וועט זיך געפינען עמיצער, וואָס וועט דורכזיפּן דעם גאַנצן מאַטעריאַל.

65. זייער וויכטיג וואָלט געווען אַרויסצוגעבן א זאַמלונג מקורים צו ז׳ער אויספאָרשטונג פון דער יידישער שפּראַך, אָנהייבנדיג פון בעשענ־שטיינען [באָראָכאָוו No. 1] ביז קריזאַנדערן [באָראָכאָוו No. 20—21]. די זײַטלעך, וואָס די דאָזיגע געלערנטע האָבן געשריבן וועגן יידיש, זיינען דאָס רוב פאַררוקט אין גרויסע ווערק, וואָס זיינען שוין לאַנג געוואָרן א יקר־המציאות. ס׳פּאַסט צו זאָגן, אַז אַפילו באָראָכאָוו האָט געזעהן מיט די אייגענע אויגן ניט מער ווי זעקס פון די 24 לינגוויסטישע ווערק, וואָס ער האָט פאַרצייכנט פאַר דער צײַט פון 16טן ביזן 18טן י״ה. דאָס רוב האָבן די אַלע געלערנטע געשריבן וועגן יידיש ניט קיין סך, און איך רעכן, אַז מיט א בוך פון א בויגן צעהן וואָלט מען געקאָנט איינמאָל פאַר אַלעמאָל געבן יעדערן א צוטריט צום פאַרשלאָסענעם אַלמער פון דער עלטערער יידישער פילאָלאָגיע.

66. בײַם אויספאָרשטן די געשיכטע פון יידיש מוז מען זיך אָנשטויסן אויף דער פּראָבלעם, ווי אַזוי ס׳זיינען אויפגעקומען די הײַנטיגע יידישע דיאַלעקטן: צי האָבן יידן זיי געבראַכט פאַרטיגערהייט פון דײַטשלאַנד אָדער זיי זיינען אויפגעקומען ערשט אין מזרח־אייראָפּע? א ביסל מאַטע־ריאַל וועגן דעם ענין איז פאַראַן בײַ א. לאַנדוין [באָראָכאָוו No. 358] און בײַ ריכאַרד לעווע׳ן [באָראָכאָוו No. 323 און 361]. ד. לייבל האָט זיך אונטערגענומען צו געבן אַן ענטפער אויף דער פראַגע אין זײַן אַרטיקל: «מזרח־יודישער אורדיאַלעקט» (זאַמלהעפט «אונזער לעבן», צום

דריטן יאָרצײַט פון ב׳ באָראָכאָוון׳ וואַרשע 1921)׳ דער מחבר רופט עס אַליין אָן «א פּרוב»; ער פּרובט אויפווײַזן׳ אַז אַמאָל איז די יידישע שפּראַך פון אַלע יידן געווען געגליכן צום פּוילישן דיאַלעקט׳ און דערנאָך האָט זיך פון דעם אַנטוויקלט דער ליטווישער דיאַלעקט׳ די פאַקטן׳ וואָס ער האָט געבראַכט פון דער געשיכטע פון דער דײַטשער שפּראַך׳ זיינען אָבער דורך און דורך פאַלש׳ און מען זעהט׳ אַז דער מחבר האָט זיך אַפילו ניט גענומען די מי אַרײַנצוקוקן אין א קליינעם מה״ד ווערטערבוך׳ ה׳ לייבל פרעגט א קלאָץ־קשיה: אויב דאָס פּוילישע יידיש איז ניט געווען דער אורדיאַלעקט׳ טאָ פאַרוואָס זאָגט מען אין דער ליטע «jid» און ניט «jud»׳ וואָס עס נעמט זיך דאָך פון «Jude»?[1] דער ענטפער איז: אין דער עלטערער דײַטשער שפּראַך איז טאַקע געווען א סך מער פאַרשפּרייט די פאָרם jüde; אין בערלין איז נאָך הײַנט פאַראַן א Jüdenstraße. צווייטע קלאָץ־קשיה: פאַרוואָס זאָגן די ליטווישע יידן: «ווינד» (wind) און «ווײ»׳ וואָס דאָס נעמט זיך פון wund und wehe? ענטפער: «ווינד» נעמט זיך גאָרניט פון wund׳ נאָר אין מה״ד איז געווען א וואָרט winde אָדער wint׳ וואָס האָט באַטײַט «וויטאָג». דריטע קלאָץ־קשיה: פאַרוואָס זאָגט מען אין דער ליטע «ציך» (cich)׳ ציכל»׳ וואָס דאָס נעמט זיך פונם דײַטשן Zug? ענטפער: ס׳האָט ניט קיין שום שייכות צו Zug׳ נאָר עס נעמט זיך פון Zieche׳ וואָס איר קאָנט הערן אין עסטרײַך ביז הײַנטיגן טאָג; שטאַמען שטאַמט דאָס וואָרט פון גריכיש theca (פּגל׳ פּויליש teka — פּוטערפּאַס׳ פּאַרטפּעל)׳ פערטע קלאָץ־קשיא: פאַרוואָס רופט מען די מיידלעך אין דער ליטע «פראַדל» (fradl) און ניט «פריידל» (frejdl)? ענטפער: אין גרעסטן טייל ליטע זאָגט מען טאַקע frejdl׳ און חוץ דעם לאָמיך ענטפערן צוריק מיט א פראַגע: אויב שוין יאָ fradl׳ איז דאָך דאָס אַלץ ניט קיין ראַיה אויף פּוילישער אָפּשטאַמונג! אין פּוילן וואָלט עס דאָך געדאַרפט הייסן׳ אויב בויען נאָר אויף די קלאַנגען־געזעצן: frajdl און אויך a lajbm brojt׳ פּונקט ווי מען זאָגט majdl און klajdl!

בנוגע «לאַבן ברויט» האָט שוין נ׳ פּרילוצקי אויסגעזאָגט דעם סוד אין ווֹקאַליזם I ז׳ 87: ס׳איז אַנטליען פונם מערב־יידישן דיאַלעקט׳ וואָס האָט אָנשטאָט מה״ד ei כסדר ā. אַזוינע אַנטלײַאונגען פון דיאַלעקט צו דיאַלעקט

[1] אַזוי ווי א שטייגער דאָס פּוילישע bich הייסט אין דער ליטע buch.

טרעפן זיך זייער אָפט, און דערפון איז נאָך כלל ניט געדרונגען, אַז איין דיאַלעקט שטאַמט פון אַנדערן. מיט אַנטלייַאונגען פון פוילישן יידיש האָבן מיר אפשר צו טון בייַ די נעמען זאַנוול (פון 'sein will?) און שיע, אויב דאָ האָט ניט געשפילט א ראָליע די פאָרם «הוֹשִׁיעַ»[1]. «צימעס» איז א קנאַפּערע ראיה, וואָרים ס'איז גאָר א סברא, אַז עס נעמט זיך ניט פון zuo-müese, ווי מען טייַטשט דאָס רוב, נאָר פון z'imbis, וואָס שמעלער ברענגט פון בייַערן [גערצאָן, ז' 103].

וואָס זאָל מען זאָגן אויף אַזאַ מין חקירה וועגן אור־דיאַלעקט, וואָס האָט נאָך דערצו די פּרעטענזיע צו «שפּינען פון די דינסטע פעדימלעך די שטאַרקסטע שטריק פון דערקענטעניש»? גלייַכער, אַז מען זאָגט גאָרנישט.

67. יעדערער, וואָס וויל שטודירן יידיש, און א פשיטא שוין די געשיכטע פון יידיש, דאַרף וויסן די געשיכטע פון דייַטש. פאַר אַן ערשטן אַרייַנפּיר קאָן מען זייער רעקאָמענדירן Behaghels'ס ניט איבעריג גרויס בוך (400 זייַטן): Die deutsche Sprache (4טע אויפלאַגע 1917). א סך ספּעציעלער, גרונטיגער און שווערער איז דעם זעלביגן מחברס Geschichte der deutschen Sprache. וועגן די עלטערע תּקופות פון דער דייַטשער שפּראַך אינפאָרמירט גאַנץ גוט Kluge'ס Deutsche Sprachgeschichte (לייפּציג 1921; 340 זייַטן). וויכטיג איז דעם זעלביגן קלוגע'ס Etymologisches Wörterbuch der deutschen Sprache (פאַראַן שוין א 9טע אויפלאַגע). פון די מה"ד גראַמאַטיקעס רעכנט זיך נאָך אַלץ פאַר דער בעסטער: Paul, Mittelhochdeutsche Grammatik; כמעט דאָס איינציגע מה"ד ווערטערבוך איז Lexer (די גרויסע אויסגאַבע אין 3 בענד איז שוין לאַנג ניטאָ אויפן מאַרק; מען ניצט איצטער ס'רוב דאָס «טאַשענווערטערבוך» אין איין קליינעם באַנד).

אַלס הילפסמיטל פאַרן שטודיום פון יידיש וואָלט כדאי געווען צו האָבן א כרעסטאָמאַטיע פון דייַטשע טעקסטן, וואָס זאָלן זייַן ספּעציעל צוגעקליבן. פון דאָרטן וואָלט מען גוט געקאָנט אַרויסזעהן, וואָס פאַר אַן אָרט יידיש פאַרנעמט צווישן די דייַטשע לשונות פון די עלטערע תּקופות און צווישן די הייַנטיגע דייַטשע דיאַלעקטן.

[1] ה' קאַלמאַנאָוויטש האַלט אויך פאַר מעגליך, אַז דאָ האָט זיך נאָך אַרייַנגעמישט דער נאָמען «יהושיעיהו» (פּריוואַטע מיטטייַלונג).

## ח

### פֿאָלקלאָר

68. איך וויל נאָך געבן א קורצן איבערבליק איבער דער ליטעראַטור וועגן יידישן פֿ אָ ל ק ל אָ ר.

אַז מען רעדט וועגן ש פ ר י כ וו ע ר ט ע ר, דערמאָנט מען זיך קודם־כל אין ב ע ר נ ש ט י י נ ס גרויסער זאַמלונג [באָראָכאָוו, No. 340]. ליידער זעהט מען ביי אונז נאָר די אויסגאַבע פֿון «אונזער לעבן», וואָס האָט צונויפֿגעפּאָרט די שיינע מאַטריצן פֿון קראָקע מיט שמאַטעוואַטע פּאַפּיר און אַרויסגעוואָרפֿן דעם «גלאָסאַר». די קראָקער אויסגאַבע, פּרעכטיג גע־דרוקט און געבונדן, האָט ווידער פּאַר אונז אַן איבעריגע משא: א לאַטיינישע טראַנסקריפּציע פֿון אַלע 4000 שפּריכווערטער, און דערצו נאָך, בנוגע די העברעאישע ווערטער, א פּאַרגרייזטע: ס׳וואָלט געדאַרפֿט שטיין ניט ssüku (סוכה), נאָר ssike אָדער ssüke, ניט ssimon (סימן), נאָר ssimen, ניט sojl (זול), נאָר sol אד״ג. אין «גלאָסאַר» זיינען פֿאַראַן טעותן, נאָר ער איז פֿונדעסטוועגן נוציג. בכלל איז בערנשטיינס זאַמלונג שוין אויף אַזוי פֿיל מפֿורסם געוואָרן, אַז זי נייטיגט זיך ניט אין קיין הסכמות. נאָר איין גרויסן חסרון האָט זי: די שפּריכווערטער זיינען דאָרטן נאָר אין גאָר א קליינע צאָל פֿאַלן לאָ ק אַ ל י ז י ר ט. נאָר זעלטן־ווען שטייט, אַז אַזוי זאָגט מען אין רומעניע, אין דייטשלאַנד א. אַז. וו., דאָס רוב שטייט סתם אַזוי א שפּריכוואָרט — און גיי טרעף, וואו מען זאָגט דאָס. טאָמער וואָלט מען זיך געקאָנט אָנשטויסן לויט דער אויסשפּראַך — איז אַלצדינג אַריינגע־שטופּט אין דעם סדום־בעטל פֿון דעם וואָלינער־פּאָדאָלער דיאַלעקט. גע־וויינטליך, פֿאַראַן שפּריכווערטער, וואָס מען הערט זיי בכל תפֿוצות ישראל, א שטייגער: «זכות אָבות איז קיין קאַטאָוועס», אָדער: «אַז די מויז איז זאַט, איז דאָס מעל ביטער» און הונדערטער אַנדערע; אָבער ס׳זיינען דאָ נאָך הונדערטער שפּריכווערטער, ביי וועלכע מען ווייס ניט, ווי ווייט עס גרייכן זייערע גרעניצן. דאָ וואָלט אומעטום געמוזט זיין פֿאַרצייכנט, וואו אָדער פֿון וואָסער לאַנדסמאַן דער צונויפֿשטעלער האָט דאָס גע־הערט.

69. די זאַמלונגען פֿון שפּריכווערטער אין די «מיטטיילונגען» זיינען זייער וויכטיג און דערגאַנצן גוט בערנשטיינען; נאָר מיט זיי איז דיזעלביגע

צרה׳ וואָס מיט אַלע אַרטיקלען אין דעם זשורנאַל: מען דאַרף זײַן זייער געוואָרנט מיט דער טראַנסקריפּציע׳ פאַראַן א סך גרײַזן׳ איבערהויפּט זיינען ווערט געדאַכט צו ווערן די אַנטיקן׳ וואָס זיינען אַרויסגעראַטעוועט געוואָרן פון אַן אונטערגייענדיגער וועלט: פון ביימען׳ פון מערן׳ פון פאַרשיידענע דײַטשע געגנדן׳

70· אין די «מיטטיילונגען» 8 איז אָפּגעדרוקט ד״ר אַ· לאַנדויס א ביבליאָגראַפיע פון יידישע שפּריכווערטער [באָראָכאָוו׳ No. 168 און 169]; אָבער זי גייט נאָר ביז 1900· איך גיב דאָ די נעמען פון די וויכטיגסטע אַרבעטן׳ וואָס זיינען אַרויס נאָך דער צײַט (אַחוץ די יאָרגאַנגען פון די «מיטטיילונגען»׳ וואָס זיינען פול מיט אַזאַ מאַטעריאַל)·

י· פּיראָזשניקאָוו האָט אַרויסגעגעבן 1908 א זאַמלונג «יידישע שפּריכווערטער» (איך האָב געזעהן דאָס בוך מיט א לאַנגער צײַט צוריק און נעם זיך איצט ניט אונטער צו זאָגן אויף דעם מבינות)·

נ· פּרילוצקי האָט אין זײַנע זאַמלביכער I [באָראָכאָוו׳ No. 163] און II אָפּגעדרוקט העכער 1100 «געאָגראַפישע» שפּריכווערטער און ווערט־לעך (זעה צו דעם די רעצענזיע פון ב· ב· אין פּנקס I)·

דער אירקוטסקער ראַבינער ביילין׳ אַליין א ייד פון מאָהליווער גובערניע׳ וואָס האָט אין משך פון לאַנגע יאָרן צוגעשטעלט אַזוי פיל מאַטעריאַל פאַר די «מיטטיילונגען»׳ האָט פאַרעפנטליכט 1912 אין אירקוטסק א ביכל: С. Х. Бейлинъ. Пословицы и поговорки сибирскихъ евреевъ· עס שטייט אויף דעם: «העפט 1»׳ נאָר מער׳ דוכט זיך׳ איז ניט אַרויס· דער יידישער טעקסט איז געדרוקט׳ צוליב דעם הויכן מעמד פון די אירקוטסקער דרוקן׳ מיט רוסישע אותיות· די פירושים זיינען אויך אויף רוסיש· פאַראַן שיינע ווערטלעך אין ה׳ ביילינס זאַמלונג׳ נאָר ליידער האָט ער געגעבן צו פיל פירושים: אויף 24 זײַטן זיינען גע־געבן ניט מער ווי 35 נומערן — ווײַטער אַלץ מעשיות׳ אַנעקדאָטן א·ד·ג·׳ וואָס מען דאַרף כּלומרשט האָבן אויף צו פאַרשטיין דעם טעקסט· דאָס ביכל איז פונדעסטוועגן זייער נוציג; ה׳ ביילין ווײַזט אָן גאַנץ ריכטיג׳ אַז צווישן די יידן אין סיביר׳ וואָס זיצן דאָרטן שוין דורות־לאַנג׳ האָבן זיך אויפגעהיט אַלטע יידישע ווערטער׳ ווערטלעך און לידער·

ש· באַסטאָמסקי האָט אַרויסגעגעבן 1920 אין ווילנע: «בײַם קוואַל׳

יידישע שפּריכווערטער, ווערטלאַך, גלײַכווערטלאַך, רעדנסאַרטן, פאַר־גלײַכעניש; ברכות, ווינטשענישן, קללות, חרמות, סימנים, סגולות, זאַבאַבאָנעס א. אַ. ס׳איז מאַטעריאַל פון ווילנע און פון ווילנער קאַנט, אָבער ווער עס קאָן דעם פאַרביגן ווילנער לשון, זעהט באַלד, אַז דאָ פעלט נאָך א סך: «אַז עס קומט דער באַשערטער, ווערט אין צוויי ווערטער»; «געלט איז ניט שפּעלט»; «איך וועל ניט קריכן מיטן קאָפּ אין אָרון־קודש»; «אַז ס׳איז א זול, איז א יקרות»; «אַז מען מאַכט א טאָכטער ניט חתונה, מאַכט זי זיך אַליין חתונה»; «אַז מען עסט קנאָבל, שטינקט»; «שלעפּער, שלעפּער, וואָס וועט זײַן מאָרגן?» (צו א הולטאַיעק) — און אַזוי ווײַטער, און אַזוי ווײַטער. דערקלערונגען זיינען געגעבן, אָבער דאָס רוב בײַ אַזעלכע אויסדרוקן, וואָס יעדערער קאָן זיך אַליין אָנשטויסן. דערפאַר איז ניט אויסגעטײַטשט, וואָס עס הייסט «אויסקרעמלען זיך», «וועסט זיך ניט אונטעררײַסן», «אויפלייגן די אויגן» א. אַז. וו. — (אין אַלגעמיין האָט די זאַמלונג אַ היפּשן ווערט, איך האָב נאָר געוואָלט מאַכן עטליכע באַמערקונגען, און דעריבער האָב איך עובר געווען אויפן דין, אַז מען זאָל מעסטן דאָס וואָס עס איז דאָ און ניט וואָס עס פעלט.)

בײַ באַסטאָמסקין אין דער «הקדמה» (וואָס איז ניט איבעריגס געראָטן) איז אויך פאַראַן א קליינע ביבליאָגראַפישע רשימה.

א היפּשן מאַטעריאַל קאָן מען געפינען אין דער «יעווריייסקאַיאַ סטאַרינאַ».

71. דערמאָנען ווילט זיך מיר וועגן א ביכל, וואָס עס האָט אַרויס־געגעבן דער פּראָפעסאָר פאַר פאָלקלאָר אינם אַלט־נײַעם (איצטער עסטיש) אוניווערסיטעט דערפּעט וו. אַ נ ד ע ר ס אָ ן: Die Geschichte von Kaiser und Abt bei den Minsker Juden (דערפּעט, 1920). דער מחבר איז ביז דער מלחמה געווען פּריוואַט־דאָצענט אין קאַזאַן; אין דער צײַט פון דער דײַטשער אָקופּאַציע איז ער פאַרוואָגלט געוואָרן קיין מינסק און בלית־ברירה געוואָרן א לערער פון דײַטש אין עטליכע שולעס. מיט דער מעשה וועגן דעם קיסר און דעם גלח האָט ער זיך שוין פאַרנומען פריער און אַרויסגעגעבן וועגן דעם א בוך אויף רוסיש; איצטער האָט ער זיך פאַראינטערעסירט מיט דעם, צי איז פאַראַן די מעשה בײַ יידן אויך, און

ער האָט אַרויסבאַקומען בײַ זײַנע תּלמידים און תּלמידות 24 וואַריאַנטן, וואָס ער האָט פּובליקירט (אין א גוטער לאַטײַנישער טראַנסקריפּציע) אין דעם ביכל. ווײַטער האָט פּראָפ׳ אַנדערסאָן געווירקט אויף די קינדער, זיי זאָלן אים ברענגען נאָך מעשיות, לידלעך, קינדערשע גראַמען א. אַז. וו., און ער האָט אויף אַזאַ שטייגער אויפגעקליבן, לויט ווי ער גיט איבער, 453 מאַנוסקריפּטן מיט העכער 1300 זײַטן. הלוואַי אויף אונזערע יידישע לערער געזאָגט געוואָרן!

72. א באַזונדערן אָרט פאַרנעמט יהודה עלזעט׳ס: «דער וואונדער־אוצר פון דער יידישער שפּראַך», וואַרשע 1918 און פפ. (איך האָב געזעהן דריי העפטן: דאָס דאַוונען, מלאכות און בעלי־מלאכות, יודישע מאכלים). ס׳איז געוויס זייער א נוציגע אַרבעט צו סיסטעמאַטיזירן לויט געוויסע קאַטעגאָריעס דעם פאָלקלאָריסטישן מאַטעריאַל, וואָס איז פאַראַן אין דער יידישער ליטעראַטור און אין די שוין געדרוקטע זאַמלונגען. די דאָזיגע אַרבעט איז אָפּגעטון גוט. אָבער ס׳ווילט זיך פרעגן, צי וואָלט ניט בײַ הײַנטיגן טאָג מער כּדאַי געווען אויפצוקלײַבן גלײַך פון פאָלק די ווערטלעך און שפּריכווערטער, וואָס ווערן צו־ביסלעך פאַרשוואונדן? דאָס וואָס עס איז אָפּגעדרוקט, וועט שוין ניט פאַרפאַלן ווערן, און דאָ דאַרף מען ראַטעווען דאָס, וואָס עס וועט אין א יאָר צעהן־צוואַנציג אַרום שוין מער ניט זײַן! (איך מיין דערמיט ניט אַרויסצוזאָגן א מיינונג, אַז די יידישע פאָלקסשאַפונג גייט אונטער; די קריג, די רעוואָלוציע, די נײַע מדינות האָבן געגעבן ניט ווינציג שטאָף פאַר נײַע לידער, גלײַכווערטלעך, צונעמענישן און אַנעקדאָטן; אָבער דער אַלטער מאַטעריאַל ווערט פאַרגעסן, און דאָס דאַרף מען צונויפנעמען, כּל־זמן ס׳איז נאָך ניט צו שפּעט.)

73. צו דער ליטעראַטור וועגן יידישע פאָלקסלידער וויל איך נאָר דערמאָנען צוויי ביכער, וואָס זיינען אַרויס פאַר דער לעצטער צײַט. דאָס איז ערשטנס פריץ מרדכי קויפמאַנ׳ס ע״ה Die schönsten Lieder der Ostjuden (בערלין 1920, Jüdischer Verlag), וואָס מבינים זאָגן אויף דעם, אַז די מוזיקאַלישע זײַט איז זייער גוט באַאַרבעט; קיין נײַע טעקסטן זיינען דאָרטן ניטאָ. און צווייטנס, ש. לעהמאַנ׳ס זאַמלונג: «אַרבייט און פרײַהײַט» (וואַרשע, 1921), עטליכע הונדערט

לידער פֿון דער פּרײַהײַטס־באַוועגונג׳ צווישן וועלכע ס׳זײַנען פֿאַראַן אַ סך טשיקאַווע טעקסטן.

די עלטערע זאַמלונגען (גינזבורג־מאַרעק׳ י׳ ל׳ כהן׳ נ׳ פּרילוצקי) זײַנען באַוואוסט׳ און איך פֿאַרשפּאָר דאָ אויסצושרײַבן זייערע טיטולן.

## ט

### אויסלאָז

74. אָט אַזוי האָבן מיר אַדורכגעשפּרײַזט איבערן פֿעלד פֿון דער יידישער פֿילאָלאָגיע פֿון אָנהייב ביזן סוף. דאָ אָפּגעשטעלט זיך א ביסעלע לענגער׳ דאָ געבליבן מער ניט ווי אַ רגע׳ צו א דריטער זאַך אַפֿילו ניט צוגעגאַנגען נאָהענט. אַזאַ מין איבערבליק מוז נעמען אויף זיך די אַחריות פֿאַר א געוויסער סוביעקטיווקייט. אַפֿילו א ביבליאָגראַפֿיע א גוטע מוז דאָך זײַן סוביעקטיוו׳ ד״ה אויב זי וויל ניט זײַן סתּם א רשימה און פֿאַרצייכענען נעמען פֿון ביכער׳ נאָר אויך אָפּשאַצן די ווערדע פֿון די ביכער. און דער דאָזיגער איבערבליק האָט דאָך געזאָלט זײַן עפּעס אַנדערש ווי א ביבליאָגראַפֿיע; ער האָט לכתּחילה געוואָלט דערמאָנען ניט אַלץ׳ נאָר דאָס וויכטיגסטע׳ כּדי דער לייענער זאָל זיך קאָנען אָריענטירן און געפֿינען א וועג.

די אונטערשטע שורה?

מיר האָבן געפֿרעגט׳ וואָס מיר האָבן און וואָס אונז פֿעלט. פֿעלן פֿעלט אונז נאָך א ים (יאָ׳ אַ ים׳ וואָס שעפּט זיך קיינמאָל ניט אויס); אָבער מיר האָבן שוין אויך א היפּש ביסל׳ מער ווי אַנדערע רעכענען. עס ווילט זיך האָפֿן׳ אַז די ידיעות׳ וואָס זײַנען דאָ געבראַכט׳ וועלן צו־געבן חשק דעם אָדער יענעם אַרײַנצודרינגען טיפֿער אין דער וויסנשאַפֿט פֿון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור.

דאָס איז ניט אַזאַ גרינגע אַרבעט. אָבער ס׳איז ווערט די מי!

# שטאַפּלען

## פיר עטיודן צו דער יידישער
## שפּראַכוויסנשאַפט און
## ליטעראַטורגעשיכטע

פון

ד״ר מאַקס ווײַנרײַך

WOSTOK

1 9 2 3

פאַרלאַג «וואָסטאָק», בערלין

Copyright 1923 by Wostok (Der Osten)
Verlag und Büchervertrieb G. m. b. H., Berlin

Druck der Spamerschen Buchdruckerei in Leipzig